STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03269

REGEN-BOYGN

Mirel Erdberg-Shatan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מירל ערדבערג שאַטאַן

רעגנבויגן

לידער
עסייען
זכרונות

ניו־יאָרק
1975

REGNBOIGEN

Poems, Essays and Memoirs

by

MIRL ERDBERG SHATAN

Published by Chaim F. Shatan
New York, 1975

Address of Author:
5789 Caldwell Ave., Apt. 901
Cote St. Luc
Montreal 4HW 1W2
Canada

Yiddish Title and Cover Design by Chaim Shatan

KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

מירל ערדבערג שאַטאַן

מיין זון חיים, זיין פרוי נאָרמאַ,
און מיינע פיר אייניקלעך —
מיט ליבשאַפט.

אינהאַלט

עטלעכע ווערטער צום בוך רעגנבויגן (הקדמה) — — — — — 7

לידער

זייט

ווי לאַנג עס איז מיר באַשערט — — — — — — — — — — 11
As Long As Is My Destiny (איבערגעזעצט פון חיים שאַטאַן) 11
סיינט דזשאָזעף־בולוואַר — — — — — — — — — — — 12
Saint Joseph Boulevard (איבערגעזעצט פון חיים שאַטאַן) — 13
דער קרייץ אויף מאָנטרעאַל־באַרג — — — — — — — — — 15
נייע היים — — — — — — — — — — — — — — 16
ווען ? — — — — — — — — — — — — — — — — — 18
זהובה — — — — — — — — — — — — — — — — — 20
Zehuva (איבערגעזעצט פון חיים שאַטאַן) — — — — — — 21
צעשיידונג — — — — — — — — — — — — — — — 23
פרייד — — — — — — — — — — — — — — — — — 24
Joy (איבערגעזעצט פון חיים שאַטאַן) — — — — — — — 25
מיין אייניקלס צעפּ — — — — — — — — — — — — — 26
My Granddaughter's Braids (איבערגעזעצט פון י. לעפּטוויטש) 27
פרימאָרגן — — — — — — — — — — — — — — — 28
אײנזאַם זיצן מאַמעס — — — — — — — — — — — — 29
איך בין ניט מיטגעגאַנגען מיט דער צייט — — — — — — — 30
ישראל־בענקשאַפט — — — — — — — — — — — — — 31
יום־העצמאות — — — — — — — — — — — — — — 32
ווער ס'איז נאָר איין מאָל אין דיין גבול געווען — — — — 33
פריע היים — — — — — — — — — — — — — — — 34
אומרו — — — — — — — — — — — — — — — — — 35
מיין טאַטע — — — — — — — — — — — — — — — 36
מיין גאַנג — — — — — — — — — — — — — — — 37
האַרבסט — — — — — — — — — — — — — — — — 38
קאַנאַדע — — — — — — — — — — — — — — — — 39

ווידמונגען

זייט

ליד — 45

דריי טרויער־לידער געהייליקט דעם דיכטער י. י. סיגאַל

א) זיי... — 46

ב) י. י. סיגאַל — 47

ג) גאַס — 48

צוויי לידער געווידמעט דער דיכטערין איידאַ מאַזע

א) און דו ביסט אויך שוין מער ניטאָ — 49

ב) מידקייט — 50

שטיל אַזוי — 51

מיין טאַטנס חלום — 52

שטילקייט — 53

איך האָב דיך היינט געזען — 54

אַלץ איז דאָ ווי געווען — 56

שירים־זינגער (דעם קדוש פון די קדושים, דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן ז"ל) — 57

אין זייער ליכטיקן אָנדענק — 59

דאָס מיידעלע האָט מיך ניט געקושט — 60

מיין ברודער אַברהם ערדבערג — 61

שטעטל מיינס — 63

פון מיין געמיט

צוויי שוועסטער — 67

צו דער זון — 69

ווי עופעלעך קליינע — 70

איך זוך דיך אַרום — 71

אונדזער פרייד — 72

שבת — 73

צו — 75

דער בלויער פויגל — 76

כ'וועל זיין ווי איך בין געווען — 77

באַכט — 78

טעג — 79

איך בין אַ פרעמדע — 80
יום־כיפור — 81
אַלע בעטעלעך — 82
אין דיך שטוב, געליבטער — 83
מיין שטאָט, מיין גאַס — 84
משה רבינו אונדזער וועגווייזער — 87

עסייען

„מלכות געטאָ" פון ישעיהו שפיגל — 91
שמעון האָראָנטשיק — 94
י. מ. ווייסענבערג — 99
דער פאַרגעסענער אַלעקסאַנדער גראַנאַך — 102
ראָמען ראָלאָן — 107

זכרונות, דערציילונגען

מיטן עטאַפּ פון לאָמזשע — 115
די קליינע דבורהלע און מ"ר דעיוויס — 120
דער בייגל־בעקעח — 123
די מומע מינדל, דער פעטער יונה און מאיר יום־טוב — 129
די ערשטע בונדישע פאָן אין קוטנע — 136

ענגלישע אָפּטיילונג

(זען אינהאַלט אויף זייט 156) — 139—160

בילדער

מירל ערדבערג שאַטאַן

מאָלערייען

עספּלאַנאַד־גאַס, מאָנטרעאָל (נאָרמאַ אַלטשטעטער שאַטאַן) — 14
הייף אין מאָנטרעאָל (נאָרמאַ אַלטשטעטער שאַטאַן) — 41
פּירמאָנט־שול (סטענלי לואיס) — 86
טייבעלעך אויף דיין באַלקאָן (גבריאלה רבקה שאַטאַן) — 142

מוזיק צו די לידער

ווען ? (י. מאַלין) — 19
זהובה (י. מאַלין) — 22

עטלעכע ווערטער צום בוך רעגנבויגן

מיין ערשט בוך ניט פון קיין פרייד איז דערשינען אין 1950. פון יענער צייט ביז איצט איז א גרויסער מהלך. עס זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען — סיי אין דער ליטע־ראַרישער וועלט און סיי אין דער אַלגעמיינער. א סך וואַסערן, ווי מען זאָגט, און בלוט איז פון יענער צייט אַפּגע־לאָפן. דורך דער צייט האָב איך אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זענען צעוואָרפן איבער א צאָל יידישע ישובים, געדרוקט פּראָזע און פּאָעזיע. פאַרשידענע אומ־שטענדן האָבן מיר נישט געגעבן די מעגלעכקייט זיי אַריינצו־ברענגען צווישן צוויי טאָוולען.

זעקס חדשים האָט זיך געדרוקט טעגלעך אין מאָנטרע־אַלער קאַנאַדער אַדלער, מיין איבערזעצונג פון דייטש, גליקל פון האַמעלן (1646—1724) היסטאָריש מעמואַרן־בוך פון 17טן י״ה. דאָס ווערק איז געלייענט געוואָרן מיט גרוים הנאה און מיט א סך אויפמערקזאַמקייט.

צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן האָב איך באַשלאָסן אין דעם איצטיקן נישט צו גרויסן בוך געבן אַן אָפּקלייב פון לי־דער, עסייען, דערציילונגען און זכרונות. אייגנטלעך האָב איך געדאַרפט דעם בוך א נאָמען געבן „פשוטע לידער״. אָבער דער נאָמען רעגנבויגן כישופט מיך פון מיינע יונגע יאָרן. ער איז פאַר מיר דער סימבאָל פון שלום, רו און האָפע־נונג. דאָס דערמאָנט מיך די טויב פון נחס תיבה מיטן גרי־נעם בלאַט אין מויל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער מבול איז שוין פאַריבער, הגם ביי אונדז איז נאָך דער מבול נישט פאַריבער.

אונטערן נאָמען „פשוטע לידער״ מיין איך לידער אַן „מאָדערניסטישע פליטערלעך״, אַזוי ווי מיר זענען לעצטנס געוואוינט צו לייענען אין גרעסטן טייל פון דער היינטיקער פּאָעזיע. עס איז „פּאָעזיע פאַר פּאָעטן״. זאָל דער פשוטער לייענער אויך קאָנען לייענען און פאַרשטיין. כ׳האָב זיך באַמיט אַריינצוגעבן אויך ווייניק העברעאישע ווערטער ווי עס איז איצט געוואָרן די מאָדע, ווייל ניט יעדערער, אפילו א גוטער יידיש־לייענער פאַרשטייט העברעאיש.

סיי די לידער, סיי די עסייען טראָגן אין זיך דעם אָפּ־קלאַנג פון דער צייט.

מ. ע.־ש.

מאָנטרעאָל, יאַנואַר 1975.

לידער

ווי לאַנג עס איז מיר נאָך באַשערט

ווי לאַנג עס איז מיר נאָך באַשערט
צו שפּאַנען אויף דער ערד,
ברויט צו עסן, וואַסער טרינקען —
לאָז מיך ניט אין עצבֿות זינקען.

גיב מיר, גאָט, די פֿרייד פֿון גלויבן,
אַז מענטש וועט זיך צו מענטש דערהויבן,
און איך וועל נאָך מיט מיינע אויגן
זען דאָס ליכט פֿון רעגנבויגן...

AS LONG AS IS MY DESTINY

As long as is my destiny
To span the earth,
Bread to eat, water to drink,
Let me not in sorrow sink.

Give me, God, the joy of faith,
That man will yet to man aspire
And I will with my own eyes,
See the rainbow's glory light...

Translated by Chaim Shatan

סיינט דזשאָזעף־בולוואַר *

סיינט דזשאָזעף-בולוואַר מיט ביימער פיר רייען,
באַצווייגט, באַבלעטערט, געדיכט ווי אַ וואַלד.
אין גלייכע שורות מיט גרויסקייט זיי שטייען,
באַצירן די גאַס מיט זייער בלעטער-געשטאַלט.

ביימער פאַרוואָרצלט מיט שטאַמען פון דורות,
געלעבט דאָ, געוועלקט און ווידער געבליט,
פאַרבאָרגן אין שווייגן פון נעכט אַלע סודות,
געצערטלט די פייגל, די נעסטן געהיט...

איצט איז סיינט דזשאָזעף אָפן — צעשפּרייט
ווי אָפענע שטיבער אָן פענצטער, אָן טיר.
אַרום און אַרום אַזאַ ליידיקייט שטייט,
ניטאָ מער די ביימער, די רייען די פיר...

געהאַקט האָט די האַק, געזעגט האָט די זעג,
געפאַלן זיינען צווייגן, אַ בוים נאָך אַ בוים.
צעפלויגן זיך זיינען די פייגל פאַר שרעק,
איינזאַם זיינען די שטערן אין רוים...

סיינט דזשאָזעף-בולוואַר פון נאָענטן אַמאָל,
עס בענקט די גאַס נאָך דיין בלעטער-גערויש,
עס יאָגן מיט ווילדקייט די אויטאָס פון שטאָל,
די הייזער פון גבול דיינעם ווילן אויך שוין אַרויס.

סיינט דזשאָזעף-בולוואַר מיט ביימער פיר רייען,
האָסט דעם גאַנצן שטח באַצירט און באַשיינט.
עס קאָן שוין די צייט קיין בוים ניט געדייען,
אויך ביימער זיינען קרבנות פון צייט...

---

* אַ גאַס אין מאָנטרעאָל וואו אַלע ביימער זיינען געוואָרן אויסגעהאַקט

SAINT JOSEPH BOULEVARD*

Saint Joseph Boulevard with trees in four rows
Its branches, its leaves, dense as a forest,
In straight files proudly they stand,
Gracing the street with their leafy form.

Trees with trunks deeprooted for generations —
Lived, wilted, and blossomed again,
Shrouded in silence of night all secrets,
Caressed the birds, guarded the nests.

Now lies Saint Joseph open and broad
Like houses forsaken without windows and doors,
All around, all around, empty and desolate,
Four rows of trees stand there no more...

The axe has been hacking, the saw has been sawing,
Felling the boughs, tree after tree —
Scattering the birds in fearful flight
Orphaned are now the stars in space...

Saint Joseph Boulevard of yesterday's past,
The street yearns for the rustling of leaves
Savage is the chase of autos of steel
Even the houses wish to leave your realm.

Saint Joseph Boulevard with trees in four rows
Which adorned your bright and splendid expanse,
The times can no longer abide any tree
Trees are also victims of time.

Translated by
Joseph Leftwich and Chaim Shatan

---

* A Montreal street which was denuded of all trees.



עספּלאַנאַד־גאַס, מאָנטרעאָל

געצייכנט פון נאָרמאַ אַלטשטעטער שאַטאַן, 1967

דער קרייץ אויף מאָנטרעאָל-באַרג

צוגענאָגלט הענגסטו אויפן קאָפּ פון באַרג,
עס שאָטנט זיך אויף דיר מיין וועלט פון זאָרג,
אַזוי פיל שרעק אין דיינע אויגן,
ווי דו וואָלסט די וועלט מיט פּיין אין זיך אַריינגעצויגן.

קוקסט אַראָפּ פון באַרג שווייגנדיק אין [redacted],
מיט רו פון וואַלד וואָס רינגלט דיך אַרום.
אויף זיבן זיגלען פאַרזיגלט איז דיין ברודער-וואָרט,
איינזאַם וואָגלט אום דאָס הייליקע געבאָט.

האָסט געזאָלט באַלויכטן אַלע מדבר-וועגן,
וואָלף מיט שעפּס אין פרידלעכקייט פאַרוועבן,
לעשן פייערס פון עקדה-פלאַמען,
און גאָלדן קייט פאַרקייטלען שטאַמען.

מיליאָנען ליפּן האָבן שוין דיין זוים געקושט,
מיליאָנען הענט געשטרעקט זיך צו דיין ברוסט.
האָסט אַזוי פיל תּפילות אין זיך אַריינגעזויגן,
פאַרבלוטיקט אויף דיין קאָפּ ליגט דער רעגנבויגן...

צוגענאָגלט הענגסטו אויפן קאָפּ פון באַרג,
עס שאָטנט זיך אויף דיר מיין וועלט פון זאָרג.
הענט וואָס ציען זיך צו דיר מיט תּפילות און געבעט
האָבן אין דיין נאָמען דורות מיינע אומגעבראַכט...

נייע היים

קאַנאַדע, היים פון מיינע וואַנדער־היימען,
ווּעסט אפשר שוין ביי מיר די לעצטע זיין,
איך בין צו דיר געקומען איבער ווייטע ימען,
פאַרזוכט דיין זיסן האָניק און אויך דיין ביטער וויין.

מיט אַזוי פיל האָפענונג פאַר אַ נייעם מאָרגן
האָסטו אַרומגעגאַרטלט מיין געמיט,
די שיף האָט זיך געוויגט ווי אונטער רעגנבויגן,
געזונגען האָבן כוואַליעס מיר אַ גאָלדן ליד.

זיינען זומערס, ווינטערס אָפּגעלאָפן,
מיט דעם ווינט אַוועק אַזאַ מהלך צייט,
ווי אין כּישוף איז געווען דאָס האָפן,
אַז דאָרטן וואַרט נאָך אַלץ אויף מיר די פרייד.

קאַנאַדע, היים פון מיינע וואַנדער־היימען,
אָפּגעמעקט איז די היים פון איבער ימען,
אויסגעריסן אַלע וואָרצלען מיט זייער בלי,
וויינט דער טרויער אויף די שויבן מיינע יעדן אינדערפרי.

אין די נעכט, אין שטילער שפּעטער שעה,
ווען איך באַהעפט זיך מיט מיין אָרעם ביסל רו,
טו איך תפילה, בעט איך שטילערהייט,
זאָל מיין דור דאָ ניט פאַרלוירן ווערן
ווי געוויקסן אויף אַ פרעמדער בייט.

ווען ?

ווען וועל איך שניידן די זריעה
וואָס כ׳האָב יאָרן שוין לאַנגע געזייט,
דער טאָג גייט אַראָפּ שוין צו שקיעה
און ווייניק געבליבן איז צייט.

און ווען וועל איך בינדן די זאַנגען,
זיי זאַמלען אין שייער אַריין,
און ווען וועל איך דרעשן די תבואה,
אַז די זון האַלט שוין באַלד ביים פאַרגיין.

און וועמען וועל איך דאָס ברויט פאַרטיילן
אַז עס וועט שוין צום עסן זיין גרייט
ווער וועט דען דער היטער זיין,
אַז מיין מי זאָל לאיבוד ניט גיין?

ווען?

ווערטער: מירל ערדבערג שאַטאַן מוזיק: י. מאַלין



זהובה

זהובהן אין ישראל — אַ מתנה

זהובה איז אַ מיידעלע
שיין ווי לויטער גאָלד,
צוויי אויגן ווי דער הימל בלוי,
אַ קעפּל ליכטיק בלאָנד.

וואוינען וואוינט זי אויפן כרמל,
אין הארץ פון וואלד און בוים,
זי וואונדערט זיך, אַז פייגעלעך
פליען הויך אין רוים.

וואונדערט זיך, אַז בלימעלעך
וואַקסן אַזוי שיין,
וואַקסט זי אויך אַ בלימעלע
פול אַזוי מיט חן.

רעדן רעדט זי יידיש נאָך,
צוויי יאָר ערשט אין לאַנד,
אַזוי ריידן טאַטע־מאַמע
און זי מיט זיי באַנאַנד.

יידיש איז ביי איר באַליבט
אויך ליב האָט זי עברית,
נאָר זינגען, זינגט זיך גרינגער איר
דער מאַמעס יידיש ליד.

נאָר דער לערער אין דער שול:
„עברית" און „רק עברית".
בלייבט פאַרשעמט זהובהלע
און מיט איר דאָס יידיש ליד...

בלייבט זי שטיין אין קינדער־רינג
און וויל ניט ווייטער גיין,
„רק עברית" און יידיש ניט —
וויל זי ניט פאַרשטיין.

ZEHUVA

To Zehuva in Israel

Zehuva is a little girl,
Rare as purest gold
Two eyes like the heaven blue
A golden little head, all blonde.

Living on Mount Carmel
In the forest, among the trees,
She marvels that the tiny birds
Fly high in space;

Marvels that the little flowers
Wax so pretty,
She also grows — a little flower —
Full of charm.

She speaks her words in Yiddish still,
Two years only in this land,
That's the speech of father, mother,
And she with them together...

Yiddish is her loved tongue,
As also is "Ivrit,"
But it is easier to sing
Her mother's Yiddish lied...

But the teacher in the schoolroom
"Ivrit, only Ivrit"
Zehuva'leh becomes ashamed
And so does the Yiddish song.

She stands within the children's ring
And will no further go
"Just Ivrit" and Yiddish not
Is more than she can grasp...

Translated by Chaim Shatan

ז ה ו ב ה

ווערטער: מירל ערדבערג שאטאן　　　　　　מוזיק: י. מאלין



צעשיידונג

מיין שוועסטער אין ישראל — מיט ליבשאַפט

טיף פאַרקריצט איז יענער טאָג אין מיין זכרון,
ווי פון מעסער־שניט אַ ניט־פאַרהיילטע וואונד,
עס איז די בענקשאַפט ניט אין הוילן רוים געפאַלן,
איך טראָג זי אין מיין האַרצן נאָך אַצינד.

ווען ס'האָט די באַן אין זיג־זאַג זיך געדרייט,
האָבן פעלדער זיך פון אונטער רעלסן אויסגעשיילט,
געיאָגט זיך האָבן שטערן ווי אין אַ גרוים געוועט,
און דו, ווי אַ פינטעלע האָסט געקוקט צו מיר פון ווייט.

זיינען בריוו געוואָרן טרייסטנדיקע רייד,
אַזאַ מהלך האָט פאַרצערט די נאָענטקייט פון פרייד,
ווי דעמאָלסט זע איך נאָך דעם הימל טונקל־גרוי
און דיין אויג אַ ניט־דערוויינטע טרער, אַ טראָפּן טוי.

ווי דורך אַ נעפּל קוקט צו מיר דער לויף פון יענער צייט,
אַ שטח אַזאַ ריזיקער, און דער צווישן אַזאַ לאַנגער וועג,
דורך ימען און יבשה, מיילן טויזנטער זיין אָפּגעשיידט
איז גורל יידישער, וואָס ציט זיך ווי אַ לאַנגע, לאַנגע קייט.

פרייד

מיין אייניקל שמואליקל — אַ מתנה

פרייד, ווען דו האָסט היינט פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט
אין אַ טאָג אַ טריבן מיט בענקשאַפט אין געמיט,
האָב איך אויף זיך דערפילט מיין מאַמעס ווייכן גלעט
פון איר צאַרטער האַנט און דאָס געזאַנג פון ליד...

און אויפגעגאַנגען איז אין מיר אַזאַ שטילע רו
אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט מיט מיינע הענט
און זינגען שירה צו דער געבענטשטער שעה
ווי איך וואָלט די וועלט אין איר בראשית ערשט דערקענט.

JOY

A gift to my grandson, Gregory Shmuel

JOY: When you revealed yourself to me today
On a day of so much longing
Then I felt the gentle touch
Of my mother's caressing hand —
And her song of songs —

And such stillness dawned in me
I felt I could embrace the
Whole world in my two hands
And sing the song of songs
For this blessed hour
As though I confronted the world's
Genesis for the first time.

Translated by Chaim Shatan

מיין אייניקלס צעפּ

גאַבעלען מיט ליבשאַפט

איך פלעכט מיין אייניקל
צוויי לאַנגע צעפּ,
פאַרבינד מיט אַ שלייף
אין צוויי זילבערנע קנעפּ.

אין מיינע פינגער פיבערט
אַזאַ וואַרעמע פרייד,
ווי ביי אַ כלה וואָס באַרירט
איר חופה-קלייד.

איך פלעכט די צעפּ,
און מיין אייניקל זיצט
פאַרטראַכט אין אַ בוך
און שמייכלט מילד.

די צעפּ, זיי זיינען שוין
ווי רויזן פאַרפּוצט,
און אַ פרילינג אַ יונגער
האָט פאַר מיר אויפגעבליט...

איך פלעכט מיין אייניקל
צוויי לאַנגע צעפּ,
פאַרבינד מיט אַ שלייף
אין צוויי זילבערנע קנעפּ.

אין מיינע פינגער פיבערט
אַזאַ וואַרעמע פרייד
ווי ביי אַ כלה וואָס באַרירט
איר חופה-קלייד.

MY GRANDDAUGHTER'S BRAIDS *

I comb two long braids
Of my granddaughter's hair
I bind them with a ribbon
And fasten two silver clips there.

My fingers tingle
To the warm caress
Like a bride at the touch
Of her wedding dress.

I bind her hair
And she sits still
Absorbed in her book
I watch with thrill.

Her two braids now
Bloom so rosily
And a young spring has risen
In front of me.

I comb two long braids
Of my granddaughter's hair
I bind them with a ribbon
And fasten two silver clips there.

And my fingers tingle
To the warm caress
Like a bride at the touch
Of her wedding dress.

Translated by Joseph Leftwich, London, England

March 1972
New York, N. Y.

---

* To my granddaughter, Gabrielle Rebecca

פרימאָרגן

חיימען — מיט ליבשאַפט

די זון האָט היינט געשמייכלט
אַזוי היימיש אויף מיין שויב,
פון וויטנס האָט געליכטיקט
אַ ווייסע שטילע טויב.

די פייגל האָבן געזונגען
איבערן דאַך פון מיין הויז,
און ס׳האָט די פרייד געקלונגען
פון יעטוועדן ווינקל אַרויס.

איך האָב מיט די פייגל געזונגען,
געטרונקען די פרייד פון מיין היינט,
געלויבט דעם טאָג פון באַגינען,
וואָס האָט אַזוי ליכטיק געשיינט.

איינזאַם זיצן מאַמעס

איינזאַם זיצן מאַמעס אין די שטיבער,
קוקן דורך די פענצטער שווייגנדיק אַרויס,
ביז דער הימל ווערט פאַרהילט אין טונקעלע געוועבן
און שטערן לויכטן איינציקווייז אַרויס.

איינזאַם זיצן מאַמעס און זיי בענקען
נאָך דער פרייד פון נעכטן, נאָך דער יונגער פרייד,
אַלץ איז ווי אַ חלום, ווי אַ חלום צו געדענקען,
זיצן מאַמעס און זיי טראַכטן שטילערהייט:

„צעפליִען זיך די פייגל פון זייער היימיש נעסט —
איינער אין אַ ווייטער שטאָט, איינער אין אַ ווייטן לאַנד.
אַזוי איז שוין די וועלט, אַזוי איז איר באַשטאַנד,
מאַמעס ווערן עלטער, מאַמעס ווערן אַלט.“

און דער טאָג איז שוין לאַנג אַוועק זיין שפּאַן,
איינגעהילט אין אומעט ליגט די נאַכט.
אַלץ איז ווי אַ חלום, ווי אַ חלום אַלץ פאַרגייט,
זיצן מאַמעס ביי די פענצטער שטיל אַזוי פאַרטראַכט.

איך בין ניט מיטגעגאַנגען מיט דער צייט

איך בין ניט מיטגעגאַנגען מיט דער צייט,
די צייט, וואָס לויפט מיט אימפּעט און געיעג
באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ, איר זיגזאַגעדיקן וועג
און דרייט זיך ווי דאָס שפּין-ראָד אין איר געוועב.
בין איך ניט מיטגעגאַנגען מיט דער צייט
און געבליבן שטיין אָפּגעזונדערט אין אַ זייט...

און ווי אַ פֿויגל מיט אָפּגעהאַקטע פֿליגל
גאַף איך אין דער גרויסער וועלט אַריין,
פֿאַרוויסט דאָרט איבער ימען
ליגט די פֿרייד פֿון מיין בראשית-וויגל
און דאָ, זיינען אויך קיין רויזן
ניט געוואַקסן אין מיין קליינעם בייט...

איך האָב אַלע ערלעכע געבאָטן אָפּגעהיטן
אַמאָל מיט שווער, אַמאָל מיט גרינג געמיט
און ווען אויפגעגאַנגען זיינען זוניקע באַגערן
געלאָשן האָבן זיי זיך נאָך, פֿאַר זייער געבוירן...
און מיט דעם גאַנג פֿון צייט, און לויף פֿון יאָרן
נעסטן שאָטנס בלויז אין מיין זיכרון.

נאָר איין באַגער איז טיף פֿאַרוואָרצלט אין מיין געביין
און וועט באַגלייטן מיך ביז מיין לעצטן זיין
אַז, מיין דור, און דורות וואָס האַלטן ערשט אין ווערן,
זאָל די אומרו פֿון צייט זייער פֿרייד ניט צעשטערן
און איך זאָל גענעזן ווערן אין דער לעצטער שעה
נאָך דער בענקשאַפֿט פֿון דער באַגערטער רו.

ישראל־בענקשאַפט

וואָס מער צייט און רוים דערווייטערט מיך פון דיר,
נעענטער און היימישער ווערסטו מיר.
אַזאַ וואַרעמע בענקשאַפט נעמט אַרום מיין געמיט
און מאָנט ביי מיר צו זינגען דיר אַ ליד.

— פון דיין הימל וואָס איז בלויער פון בלוי,
פון דיין מאָרגן־רויט וואָס איז רויטער פון רויט,
פון דיין חלל וואָס איז דינער פון דין,
פון דעם זון־אויפגאַנג אין פריען באַגין.

פאַרכישופט דאָס אויג איז אויף מיילן ווייט,
צו די בערג פון הר־ציון פון נסים באַגלייט,
צו ירושלים, הר־כרמל, צפת און גליל,
צום כנרת וואָס פליסט אַזוי ריטמיש און שטיל.

ווי אין אַ חלום פון קדושה ליגט דער אַרום,
יעדעס מינדסטע גרעזל איז הייליק און פרום,
ווען ס׳קומט־אָן מיט רו און שלוה די נאַכט,
אַ חלום, וואָס גאָט נאָר אַליין האָט פאַרטראַכט.

וואָס מער צייט און רוים דערווייטערט מיך פון דיר,
אַלץ נעענטער און היימישער ווערסטו מיר,
אַזאַ וואַרעמע בענקשאַפט נעמט אַרום מיין געמיט
און מאָנט ביי מיר צו זינגען דיר אַ ליד.

יום־העצמאות

צום צווייטן יובל פון מדינת ישראל

עס גיסן זיך פריידיקע טענער אויף גאַסן
און שטראָמען אַריבער יבשה און ימען,
עס פלאַטערן פאָנען פון בלוי־ווייסע פאַסן,
מען טאַנצט אין ישראל מיט פויקן און טאַצן.

מען זינגט אין די הייזער, מען זינגט אויף די דעכער,
געזאַנגען זיך הויבן העכער און העכער.
דער הימל ווערט ברייטער, טיפער און בלויער,
שטאָלץ איז דאָס לאַנד מיט העלדישע בויער.

און איבער די בערג, אין לאַנד פון יהודה,
און איבער די טאָלן, אין לאַנד פון ישראל
וועט אויפגיין דאָס ליכט און ברענגען דער וועלט
די גרויסע געבאָטן ווי פאַרצייטן אַמאָל.

פון משה רבינו פון אונדזער באַפרייער,
די הייליקע רייד, פון נביא ישעיה:
„אין אַקער פאַרוואַנדלט זאָל ווערן די שווערד,
און אייביקער שלום זאָל זיין אונדז באַשערט."

ווער ס׳איז נאָר איין מאָל אין דיין גבול געווען

דעם חשובן דיכטער מלך ראַוויטש
צו זיינע 80 יאָר ביז — 120

ווער ס׳איז איין מאָל נאָר אין דיין גבול געווען,
דיין שוועל באַטראַכטן, דיין הימל געזען,
דעם כותל־מערבי, די בערג פון הר־ציון,
וועט אייביק אַ בענקשאַפט צום לאַנד אים שווין ציען.

ווער ס׳איז איין מאָל נאָר אין דיין גבול געווען,
דעם כנרת אין שטילע פאַרנאַכטן געזען,
דעם כישוף פון פאַרבן, זיין ריטמישן גאַנג,
האָט דערהערט דעם ניגון פון בראשית־געזאַנג.

ווער ס׳איז איין מאָל נאָר אין דיין גבול געווען,
דאָס לאַנד פון די נביאים אויף דער וואָר געזען,
נאָר איין מאָל געררוט אויף אַן אייגענעם שטיין,
וועט יעדער אַנדער ווינקל פרעמד אים שווין זיין.

ווער ס׳איז איין מאָל נאָר אין דיין גבול געווען,
די טריישאַפט פון פאָלק צום לאַנד געזען,
וועט שווין אים ווי דעם פויגל צו זיין נעסט ציען,
אונטער זיין אייגענעם דאַך צו רוען.

פריע היים

פאַר מיר ביסטו אַ ליכטיקער חלום געווען,
באַהאַפטן מיט אומעט און גלויבן באַגלייט,
די האָפענונג האָט דעם טרויער באַשיינט,
אין שווערע מינוטן פון יאוש געטרייסט.

נעכט ווי די שפּיגלען זילבערדיק ווייס,
געקוקט האָבן פענצטער צום טייכל אַרויס.
דער טאַטע געמישט האָט אַ ספר פאַרטראַכט,
געישובט מיט גאָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מאָרגן באַגינענס, גאָלד אויף די שויבן,
מאַמעס אויגן, צוויי ליכטיקע טויבן,
איך האָב געחלומט אַ גאָלדענע בריק
וועט פירן צו הייכן, צו גאָלדענער וויג.

די געסלעך געווען זיינען אָרעם און קליין,
נאָר רייך איז דאָס יידישע לעבן געווען —
פון יונג און פון אַלט, זין פון מיין שטאָם
צו שייטערס געפירט האָט מען אַלע צוזאַם.

מיין גאָלדענער חלום, די גאָלדענע בריק,
איז אויך ניט אַוועק סתם מיטן ווינט,
געטיילט מיט די קדושים דעם אייגענעם וועג,
וואָגלט מיין חלום אַרום אָפענע וואונד.

אומרן

עס רוט ניט די אומרו, זי וואַכט אויף אונדזערע שוועלן,
סיי אין נעכט אין שטילע, סיי אין טעג אין העלע.
עס וואַכט די אומרו אויף אונדזערע שוועלן.

איז פול אַזוי מיין געמיט מיט גורלדיקן ציטער,
עס בלאָזן ווינטן אויף אַ בייז געוויטער,
איז פול אַזוי מיין געמיט מיט גורלדיקן ציטער.

פאַר די כלי־זין וואָס מען גרייט און גרייט,
גיט דעם קינד בייטאָג קיין פרייד
און דעם מענטש ביינאַכט קיין רו.

שעפּטשען מיינע ליפּן אַזאַ שטיל געבעט,
נישט צו גאָט, נאָר צו מענטש טו איך תפילה.
שעפּטשען מיינע ליפּן אַזאַ שטיל געבעט:

קאָנסט דאָך מענטש זיין גאָט אפילו
און ברענגען שוין איצטער די גאולה.
קאָנסט דאָך מענטש זיין גאָט אפילו...

אַלץ איז דאָך אין דיר געווענדט,
דאַרפסט נאָר וועלן, וועלן, וועלן,
קאָנסטו משיחן ברענגען צו אונדזערע שוועלן.

מ י י ן ט אַ ט ע

תמיד מיט זיין בענקשאַפט
אין העלער פרילינג־נאַכט,
פלעגט ער שטיין ביים פענצטער
שעהען לאַנג פאַרטראַכט.

לבנה האָט אַ בלייכע
די שויבן מילד געגלעט,
און ער אין טיפן שווייגן
האָט צו גאָט גערעדט.

און אַזוי אין שווייגן,
אויף און אָפּ געשפּאַנט,
געפאַלדעוועט דעם שטערן,
מיט ספר אין דער האַנט.

אייביק זיך געראַנגלט
מיט ספקות אָן אַ שיעור,
אין זיין האַרץ פאַרזיגלט
אַ סודותדיקע טיר.

האָב איך שטיל באַנומען
די ניט־גערעדטע רייד,
זיין יאוש צו דעם סדר,
ווי די וועלט זי שטייט.

האָט ער אויף מיינע אַקסל,
זיין חותם אויך געלייגט,
טראָג איך זיין ירושה,
ניט קיין גאָלדן קייט.

טראָג איך זיין ירושה,
כאָטש עס איז מיר שווער,
זיין אומרו, און זיין בענקשאַפט —
אַ לויטער־שטילע טרער.

מיין גאַנג

וויי דער קעמל אין מדבר אין זיין געשפּאַן,
שפּאַן איך דורך דורות אין צער-קאַראַוואַן,
מיינע אַקסל געלאָדן מיט שווערע געפּעק
מיין זיידעס, מיין טאַטעס, מיין באָבעס פאַרמעג:

שייטערס, יסורים, שנאה און האַס,
טרוייער פון דורות, כבוד פון ש״ס.
אייביקע בענקשאַפט נאָך לויטערער פרייד,
עקדות, טרעבלינקעס, פון גרוילן אַ קייט.

געקרייציקטע וועגן, אַ שלאַנג נאָך אַ שלאַנג,
איך בויג נישט מיין רוקן, כאָטש שווער איז דער גאַנג,
ווייל עמעץ האָט אין מיינע בראשית-טעג
געטראָטן דורך דורות פאַר מיר דעם וועג.

מיין טאַטע מסתמא, דער אַלט-נייער ייִד,
וואָס האָט הייליק די אוצרות פון די אבות געהיט,
פאַרטיפט אין די ספרים ווי אין טיפקייט פון ים:
לעבענזאָן, גאָרדאָן, מפּו, רמב״ם.

צי אפשר מיין מאַמע דאָס ליכטיק געשטאַלט,
זי האָט מיט איר שמייכל דעם אומעט באַשטראַלט,
געהייליקט די תחינה אין פריען פאַרטאָג,
אין שטילע פאַרנאַכטן מיט פרץ און פרוג.

טראָג איך דעם גורל מיט דורות צוזאַמען,
ירושה פון זיידעס, פון טאַטע, פון מאַמע,
די אוצרות פון אבות — שייטער, געפּעק,
און בעט פאַר מיין דור אויף העלערע טעג.

האַרבסט

אויפגעגאַנגען איז דער טאָג ווינענדיק און גרוי,
געהאָנגען אויף די שויבן זיינען קליינע טראָפּנס טוי,
די נאַכט האָט נאָך געררוט אויף די גרויע ווענט,
און ווי דער האַרבסט, זיך שווער געלייגט אויף מיינע הענט.

אויף די דעכער האָבן שטיל געוואָרקעט טויבן,
— געסודעט זיך: די וועלט איז שיין, דערהויבן,
נאָר תמיד שפּינט דער מענטש טונקעלע געוועבן,
שטעלט אין קאָן אַלץ וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

גיי איך אום מיט פיבער און מיט ציטער,
יעדע רגע שטייט די וועלט פאַר אַ גרויס געוויטער,
און איך, אַ זעמדעלע אַ קליינס, שטיי אַזוי פאַרלוירן,
פאַרוואָס האָט דער באַשעפער געבאָטן צו געבוירן?

קאַנאַדע

קאַנאַדע, לאַנד פון ריזן שטח
וועלדער, אינדזלען, טייכן, טאָלן,
פעלדער ברייטע פול מיט זריעה
צו באַשפּייזן פיל מיליאָנען...

וויל איך דאַנקען דיך, קאַנאַדע,
פאַר דיין חסד און גענאָד,
האָסט ברייטהאַרציק מיר געגעבן
אַ דאַך, אַ העמד, פוטער, ברויט.

האָט אַ גאָלדן שטראַל פון האָפענונג
פרילינגדיק אין מיר געבליט
און געלייטערט מיר די בענקשאַפט
ווי אַ תפילה מיין געמיט.

בענקשאַפט נאָך דער מאַמעס שמייכל,
נאָך אַ שוועסטערס נאָענטע רייד,
נאָך דער טריישאַפט פון אַ טאַטן,
אַמאָל נאָך זיינע האַרבע רייד.

האָב איך ווי דער פויער אין פעלד
שווער געאַקערט און געזייט,
האָט די זון צו מיר געשמייכלט,
ווי אַ ליד מיין האַרץ דערפרייט.

האָב איך ברויט מיט ווײַן פאַרגרייט
קומען וועלן געסט פון ווייט.
געבענטשט דיך, נײַע היים, מיט לויב,
געוואַרט ווי נח אויף דער טויב.

קאַנאַדע, היים פון מײַן וואַנדער,
האָסט געוואויגן און געמאָסטן,
האָסט געחשבונט און געקליבן,
ביז פון מײַן פרייד איז אַש פאַרבליבן.

נעסטלט טיף אין מיר דער טרויער
פון די נעכטנס און דעם הײַנט.
האָסט די טויערן פעסט פאַרזיגלט
ווען ס'האָט דער שטורעם זיך צעשפּרייט.

עס וועט שוין דאָרט מײַן בוים ניט וואַקסן,
מײַנע פעלדער דאָרט ניט בליען,
פייגל וועלן טרויעריק זינגען,
יידיש וועט שוין דאָרט ניט קלינגען...

קאַנאַדע, לאַנד פון ריזן שטח,
וועלדער, אינדזלען, טײַכן, טאָלן,
פעלדער ברייטע פול מיט זריעה
אויפצונעמען פיל מיליאָנען...



הייף אין מאָנטרעאָל

געצייכנט פון נאָרמאַ אַלטשטעטער שאַטאָן, 1967

ווידמונגען

ל י ד

ליד, ביסט נאָך אַלץ די רו אין מיין אומרו,
דאָס וואַרעמע בלוט פון מיין בלוט,
דער ציטער פון מיין יעדן גליד —
דער לייכט-טורעם אין מיין שווער געמיט.

ביסט קדושה פון צער און פון פרייד,
דאָס ליכט פון שיין דורך פיין,
דאָס געזאַנג אויסגעפורעמט פון צער.
גיב מיר דאָס וואָרט וואָס איך גאַר...

ווען עס שליסט די נאַכט די אויגן צו
און עס וואַכט דער טאָג צו דעם באַגין,
וואַך איבער מיר אויך, מיין ליד,
כאָטש ביסט אויך די אומרו אין מיין רו.

ווי פאַר אַ הונגעריקן אין זיין נויט
איז אַ דערפרישונג וואַסער מיט ברויט,
פאַר אַ מידן וואַנדערער אַ ווייכע בעט —
פאַר מיר, ביסטו אַ תפילה, אַ הייליק געבעט...

דריי טרויער־לידער

דעם דיכטער י. י. סיגאַל געהייליקט

זיי...

זיי האָבן דיר אַ בעטעלע באַזאָרגט,
אַ בעטעלע פון פּראָסטן האָלץ,
ווענטלעך פיר שוואַרץ געפאַרבט,
און דאָס פּייכטע פּיצל ערד
האָט דיין גוף געאַרבט.

און דו וועסט רוען שוין אָן זאָרגן.
ניט דאגהנען פאַר מאָרגן,
ניט פאַר המשך, ניט פאַר קיום.
וועסט רוען אין שלוה און מנוחה,
ביינאַכט וועט דיך באַוואַכן אַ זילבער־לבנה,
ביי טאָג די זון מיט אַ גאָלדענער ברכה.

און מיר, די קליינע פאַרבליבענע עדה,
וועלן טרויערן אויף דער גרויסער אבידה,
און ביי דעם קליינעם פּראָסטן גרויען שטיין
דערמאָנען דעם צער פון דיין פריען פאַרגיין.

י. י. סיגאַל

דיין אומרו האָט אַ תיקון שוין געפונען,
דיין ניט־דערזונגען ליד וועסטו אין רו דערזינגען.
און אויפגיין איבער דיר וועט שלוה און מנוחה
און איבער אונדז דיין ליד פון גאָט געבענטשטער ברכה —

— דיין ליד, דאָס אייביקע געזאַנג, דיין אויסדערוויילטע קדושה
מיט ציטער פאַרן המשך, מיט זאָרגן פאַר ירושה,
אַז אַלץ וואָס איז געבליבן, געבליבן איז ביים לעבן,
זאָל יעדער דור זיין דור מיט כבוד איבערגעבן,

און דאָס ליכט פון בעל־שם איבער אונדז זאָל שטראַלן,
מיר זאָלן זיך באַהעפטן מיט זיינע טיפע קוואַלן,
און מיר זאָלן דעם יסוד פון זיין גרויסקייט טרינקען
און די גרויע וואָך אין שיינקייט פון שבת פאַרהילן.

דאָס איז געווען דער תמצית פון דיין וואָרט און ליד,
פון דיין טיפן האַרצן ביז דיין ריינסטן בלוט,
באַפרוכפּערן מיט קדושה דאָס יידישע געמיט
און ווי אַ תפילה בלייבן זאָל דיין געלייטערט ליד.

דיין גאַס

עס טרויערט נאָך אַלץ דיין גאַס נאָך דיר
און בענקט נאָך דיינע ריטמישע טריט,
ווען האָסט געשפּאַנט אין נעכט אין שטילע
מיט חלום און וואָר און געזאַנג פון דיין ליד.

דער בוים ביי דיין פענצטער האָט זיך מער צעבויגן,
קוקט אומעטיק דורך די שויבן אַריין,
וואו איז ער, דער זינגער, דער זינגער פון בעל־שם?
וואו איז ער אַוועק, וואו קאָן ער דאָס זיין?

און די ספרים — זיי ליגן גלייך און בסדר,
עס בלעטערט זיי מער נישט מיט ליבשאַפט די האַנט.
ער קוויקט זיך ניט מער און מישט נישט כסדר,
אַוועק איז דער דיכטער צום אייביקן לאַנד.

צוויי לידער

(געווידמעט דער דיכטערין איידע מאַזע)

און דו ביסט אויך שוין מער ניטאָ

און דו ביסט אויך שוין מער ניטאָ,
פריצייטיק ביסטו פון דער וועלט אוועק,
און נאָך דיר אַזוי פיל מערער
און אומעטיקער ווערן אונדזערע טעג.

דער הימל איבער אונדז איז אַלץ נאָך גרוי און שווער
און אָנגעזאָפּט זיינען מיר מיט ליידן און מיט זאָרג,
ניטאָ פּאַר ווענען לאָזן פאַלן אַ טרער
און טיילן זיך מיט אַ טראָפּן פרייד איז מען אויכעט קאַרג.

וואוהין איך קום, לײדיק שטייט דיין שטול,
און ליידיקער ווערט אונדזער קליינער גבול,
און בענקט אַזוי נאָך דיינע דריבנע, שטילע טריט,
און נאָך דיין טרויעריק־אומעטיקן ליד.

און דו שלאָפסט רואיק אין דיין אייביק־היים,
אַן עול פאַר קיום, פאַר מענטש און וועלט,
און גרינג איז דיר דאָס בעטעלע פון ערד,
דאָס בעטעלע פון ערד, וואָס איז אונדז אַלעמען באַשערט.

מידקייט

דיינע אַקסל פֿאַלן פֿון מידקייט אַראָפּ.
און דיינע הענט הייבן זיך ניט מער,
אויף דיין פּנים אַ צער אַ מילדער,
אין דיין פּנים אַ באַהאַלטענע טרער.

די ווענט די גרויע דיך רינגלען אַרום,
אַ שטראַל אַ בלאַסער קוקט דורך די פֿענצטער אַריין,
שטיל און טרויעריק קומט אָן די נאַכט.
עס לעשט זיך די זון צום לעצטן פֿאַרגיין...

שטיל אַזוי

דער דיכטערין חנה שטיינבערג אין אָנדענק

שטיל אַזוי געווען דיין פאַרגיין,
שטיל ווי דיין אומעטיק געמיט,
האָסט אויסגעהויכט דעם לעצטן קלאַנג,
דיין ניט־דערזונגען ליד...

אויף ליפּן דיינע קאַלטע, בלייכע,
געבליבן הענגען זענען רייד,
ווי עפּל ניט־דערצייטיקטע —
דיין ניט־דערצייטיקטע פרייד.

דיין קול, ווייך אַזוי און צאַרט,
ווי דער סאַמעט פון אַ יונגן בלאַט,
מיט אַ שמייכל אַלע זאָרגן
אין דיין שטילער וועלט פאַרבאָרגן.

עס איז דאָס קורצע לעבן דיינס
ניט מיט גאָלד געווען באַהאַנגען,
האָסט אויף מידע אַקסל דיינע
געטראָגן טעג מיט צער־געזאַנגען.

שטיל אַזוי געווען איז דיין פאַרגיין,
שטיל ווי דיין בענקענדיק געמיט.
האָסט אויסגעהויכט דעם לעצטן קלאַנג,
דיין ניט־דערזונגען ליד.

מיין טאַטנס חלום

מיין פאַטער ר׳ חיים פנחס געהיילקט

מיין טאַטע האָט געחלומט אַ לעבן לאַנג,
מיט שטילער בענקשאַפט און טיפן דראַנג,
עס זאָל אים ביים לעבן זיין נאָך באַשערט
כאָטש איין מאָל באַטרעטן די הייליקע ערד.

און געבויגן זאָל ער שטיין ביי דער אַלטער וואַנט
מיט תפילות צו גאָט, ער זאָל באַפרייען דאָס לאַנד,
און ווידער זאָל ווערן דער מקדש באַנייט
און מיר זאָלן זינגען געזאַנגען פון פרייד.

מיין טאַטע האָט געחלומט און איך בין געווען,
דעם וואונדער פון ווידערגעבוירן געזען,
ווען ס׳האָט זיך דער נס פאַר מיינע אויגן אַנטפלעקט
האָט מיין טאַטע מן הסתם זיך אין קבר געוועקט,

— דער מאַמען מיט אַ שמייכל אין גן־עדן דערציילט,
אַז איך האָב די וואונד פון זיין בענקשאַפט פאַרהיילט,
אַז איך, זייער טאָכטער, האָב די זכיה געהאַט
דעם חלום צו זען וואָס ער האָט געגאַרט.

שטיי איך מיט מיין טאַטנס חלום פאַרטראַכט
אַז ער האָט ווי זיין דור ניט די זכיה געהאַט
צו זען דאָס לאַנד, דעם הימל דעם בלויען,
ווי עס אַקערן יידן, זינגען און בויען.

שטילקייט

משה יחיאלן — צו זיין ערשטן יאָרצייט

דיין בעט שטייט, וואו עס איז געשטאַנען,
פון קיינעם ניט באַרירט און ניט פאַרבעט.
עס וואַרט מיט בענקשאַפט אויף דיין וואַרעמען גוף —
אויף דיינע וואַרעמע הענט.

דיין לאָמפּ שטייט אין גרויקייט פאַרהילט,
דיין בילד קוקט אַראָפּ פאַרוואונדערט פון וואַנט,
דאָס ווייסע פּאַפּיר ליגט גלייך אויסגעלייגט
און בענקט נאָך איצט נאָך דער פּען אין דיין האַנט.

דער טיש אין קיך שטייט אויך אויף זיין אָרט,
די בענקלעך בסדר גלייכע אַרום,
קיינער רעדט דאָ ניט אויס מער קיין וואָרט —
אַלץ איז שטיל, אַזוי שטיל און שטום...

קיינער עפנט ניט אויף דאָ די טיר,
קיינער מאַכט די טיר דאָ נישט צו,
די נאַכט קוקט אַריין צו די וועגט די פיר —
באַהאַפטן מיט בענקשאַפט פון אייביקער רו.

דו האָסט זיך געראַנגלט אַ לעבן לאַנג,
קעגן סדר פון וועלט און זיין קרומען גאַנג,
געשפּונען חלומות פון זוניקע טעג,
געחלומט, געשפּונען ביז דיינע לעצטע טעג.

איך האָב דיך היינט געזען

פריידען מיט איר זון יצחק, אומגעקומען אין אַשוויענטשים

איך האָב דיך היינט אין חלום געזען,
עס איז שוין גרויסער טאָג געווען.
דו אויף ברייטן פעלד
און איבער דיר די זון צעהעלט.
און פונקט ווי אויף דער וואָר
פון ווינט צעבלאָזן דיינע האָר,
פול מיט פרייד דיין יונגער בליק
באַרוישט פון פרילינג־גליק.
נאָר — פלוצעם ביסטו
פון מיין אויג אַנטרונען
און כ׳האָב דיך ניט
געקאָנט געפינען.
נאָר אַ גרויסער וואָלקן רויך
האָט צו מיר גערעדט פון הויך:
„נעם אַרויס מיך, —
מיך מיט מיין קינד,
פון גרויסן באַרג אַש.
אין דרויסן בלאָזט
אַזוי דערפרישנדיק דער ווינט,
נעם אַרויס מיך,
מיך מיט מיין קינד!"

איך האָב דיין געביין
אין יעדן בערגל אַש,
אין יעדן שלענגל רויך
אַרומגעזוכט.
דיין נאָמען הויך
אין רוים גערופן,
איז דער עכאָ־קלאַנג
נאָכן ווינט געלאָפן.
איך האָב ניט געקאָנט
דעם ווינט דעריאָגן
און בין געבליבן שטיין
אין דער ליידיקייט אַליין
מיט אַ נאַענט און ווייט געוויין:
„קיינער וויל נישט שטאַרבן,
דאָס קלענסטע ווערעמל
וויל לעבן און אַרבן”.
קלאָגט פון צער צו דיר מיין ליד
און עס ציטערט מיין געמיט
ווי בלעטער אויפן ווינט
פאַרוואָס — פאַרוואָס
האָב איך דיך ניט פאַרהיט?...

אַלץ איז דאָ ווי געווען

משה יחיאלן אין אָנדענק

ווי יעדעס יאָר אין דער צייט,
דיביימער שטייען ברייט צעבליט,
און דו ביסט אַזוי נאָענט, און אַזוי ווייט...

איך זע נאָך איצט דיין לעצטן בליק,
ווי דו קוקסט אויף מיר מיט גרויס געבעט:
ברענג מיך נאָך צום לעבן צוריק,
צו מיין טיש, צו מיין בעט.

עס שטייט נאָך אַלץ אויף זיין אָרט
דיין בעט, דער טיש, די שטול, דער לאָמפּ,
עס ריידן צווישן זיך די ווענט
און קוקן צו דעם דיל אַראָפּ...

עס שפּילט זיך דאָרט אַ דינער שטראַל
פון דעם לעצטן זון־פאַרגאַנג.
קורץ איז דאָס סטעשקעלע צו דיר,
און דו ביסט אַזוי ווייט, אַזוי ווייט פון מיר...

שירים-זינגער

דעם קדוש פון קדושים,
דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן ז״ל

שירים-זינגער פון אונדזער יידיש פאָלק,
קדוש פון קדושים, הייליק-גרויסער ייד,
ביסט אַ רינג אין דער טרויער-קייט געווען,
געלאָזן אַ ירושה — דיין מעכטיק אבל-ליד.

דיין געבענטשטע האַרף געזונגען האָט מיט צאָרן
און אויף קיין רגע זיך ניט אָפּגעשטעלט,
האָסט געזען — פון בליענדיקע דורות איז אַש געוואָרן,
ניט אויפגעבראַויזט האָבן הימלען, און געשוויגן האָט די וועלט.

האָסט געזען צו דער שחיטה פירן זקנים, יונג און אַלט,
„צו טויזנטער, צו צוויי, צו דריי און צו צען".
שאָטנס זיינען צום לעצטן וועג געגאַנגען,
געציטערט האָט די ערד, שטיינער האָבן שטיל געוויינט...

האָסט געזען לוויות פון פייער, שטויב און אַש,
מיט עופעלעך אין מוטערס אָרעמס פון קיינעמס טרער
באַגלייט.
האָסט געזען ווי ס'האָט געלאָשן זיך דער עמוד-האש,
„געשוויגן האָבן הימלען, גאָט געשוויגן האָט".

און דיר איז אויך געווען באַשערט דער וועג צוזאַמען
מיט זעקס מיליאָן קדושים און מיט דיין יאוש־וואָרט
געהייליקט ווערן אין די עקידה־פלאַמען
מיט דיין לעסטערונג צו די הימלען און צו גאָט.

האָסט דעם טרויער־קוואַל אין זיך אַריינגעזויגן
פאַר אייגן צער, און פאַר דיין פאָלק נאָך מערער.
דיין יאָמער־ליד האָסטו צו דער וועלט געוואָרפן,
נאָר טויב איז וועלט געווען, און דיין האַרץ אַלץ שווערער.

פאַרגאַנגען איז דיין זון אין פלאַמען,
איינגעהילט אין חושך איז געווען די נאַכט,
דיין מעכטיק אָבל־ליד איז ניט פאַרגאַנגען
און וועט פאַרבלייבן, ווי די לוחות, אַ הייליקער געבאָט.

אין זייער ליכטיקן אָנדענק

די אומגעקומענע פון די דײַטשע רוצחים

יזכור, זאָל אייער בלוט
ניט אויפהערן פליסן,
און דער טרויער פון אייערע אויגן
זאָל זיך פאַר אונדזערע אויגן
קיינמאָל ניט פאַרשליסן.

זאָלן אייערע לעצטע בליקן
אונדז אויף תמיד באַגלייטן
אין אַלע דורות, און אין אַלע צייטן.
די ניט־דערלעבטע פרילינגס,
די ניט־דערלעבטע יאָרן
זאָלן אונדז אייביק דערמאָנען,
דערמאָנען, און נקמה מאָנען.

וואו מיר וועלן זיך ווענדן
און וואו מיר וועלן זיך קערן,
זאָלן מיר דעם לעצטן ציטער
פון זייער וויי דערהערן.
דער צער און יסורים
פון זעקס מיליאָן קדושים
פאַרלאָשענע שטערן
זאָל אונדזער עמוד־האש ווערן.

דאָס מיידעלע האָט מיך נישט געקושט

דאָס מיידעלע האָט מיך נישט געקושט,
און איך האָב דאָס מיידעלע נישט געקושט
ניט ווייל זי איז נישט געווען שיין —
זי האָט געהאַט לאַנגע בלאָנדע לאָקן,
ליכטיק־בלויע אויגן,
פול מיט קינדישן חן.

זי איז צוגעגאַנגען צו יעדן איינעם
וואָס איז געזעסן דאָרט ווי איך,
מיט אַ קוש ניט אַדורכגעלאָזט קיינעם,
נאָר געקושט האָט זי בלויז ניט מיך...

האָט דאָס יונגע קינדיש הערצל געפילט,
אַז איך בין ניט פון זיי, פון איר שטאַם,
און אַז אין מיר גליט אַ בענקשאַפט צו די
וואָס זיינען אַוועק מיט פייער און פלאַם?

נאָך די חוהלעך, רבקהלעך פון ערשט־שפּראָץ,
נאָך די וואָס האָבן ווי פרילינגס געבליט
און וואָס דער נאַצי־תליון האָט זיין תאוה
מיט זייער יונגן פרישן בלוט געשטילט?

האָט דאָס יונגע הערצל טאַקע געפילט
אַז איך בין פול מיט אומעטן און מיט פּיין,
אַז מיין טרויער קען ניט ווערן געשטילט
און אין מיין אויג טריפט אַ באַהאַלטן געוויין?

זיי מוחל, מיידל, עס איז ניט דיין שולד,
נאָר איך ווער מיט קנאה אָנגעפילט,
אַז איך זע אַזעלכע מיידלעך ווי דו —
און אונדזערע פון דאָרטן זיינען מער ניטאָ...

דאָס מיידל האָט מיך נישט געקושט.
האָט זי געפילט, אַז כ׳בין ניט פון איר שטאַם,
און אַז אין מיר גייט־אויף אַ בענקשאַפט נאָך די
וואָס זיינען אַוועק מיט פייער און פלאַם?...

מיין ברודער אַברהם ערדבערג

באַוואוסטער ציוניסט און ערשטער העברעאישער לערער אין קוטנע פון חדר מתוקן. אין 1918 גלייך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע געהאַט אַ פּאָסטן אין ישראל ביים „קרן קימת", געווען פאַרשריבן אין גאָלדענעם בוך, אָבער אין עלטער פון 33 יאָר, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער מגפה, אַוועק פון דער וועלט. איבערגעלאָזן אַ פרוי מיט אַ זון פון זעקס יאָר. די פרוי אומגעקומען אין אָשוויענטשים. דער זון אין ישראל.

ווען ס'האָט דער מלאך־המות זיך צוקאַפּנס
פון זיין בעט געשטעלט,
האָט תהילים שטיל געזאָגט דער טאַטע,
און די מאַמע שטיל געוויינט.

די בלומען, וואָס כ'האָב
נעבן זיין בעט געשטעלט,
זענען היינט אין באַגין
געווען בלייך און פאַרוועלקט.

פון די רויטע רויזן
האָבן טראָפּנס געטריפט
און האָבן טאַטע־מאַמעס
געוויין מיטגעפילט.

און ווען איך האָב
דעם לעצטן קרעכץ דערהערט,
האָט די גאַנצע שטוב
מיט מיר מיטגעטרערט.

מיין גוף האָט געציטערט,
און כ׳בין אַרוים אויפן פעלד,
טריב איז דער הימל געווען
און די זון נאָך ניט צעהעלט.

בין איך געגאַנגען, געגאַנגען,
איך ווייס ניט ווי לאַנג,
פאַרהילט אין מיין טרויער —
אַ געבויגענע זאַנג.

נאָך אַזאַ לאַנגער־לאַנגער נאַכט
האָב איך אַרומגעזוכט די זון,
האָט די זון מיין צער דערפילט
און ניט אויפגעוואַכט.

פייגל האָבן ניט געזונגען,
געווען איז אַלץ ווי צום פאַרגיין,
שטיל געפלאָסן איז דאָס טייכל,
געטראָגן מיט זיך מיין געוויין.

שטעטל מיינס

ביסט ביי מיר איינגעוואַקסן
אין יעדן אָדער פון מיין געביין,
איך האָב דיך שוין באַזונגען,
באַקלאָגט און באַוויינט.
נאָר כל־זמן איך לעב
און האַלט מיינע ליפּן אין באַוועג
און מיינע אויגן אָפן —
וועל איך נאָך דיר קדיש זאָגן
ביז מיינע לעצטע טעג.

פון מיין געמיט

צוויי שוועסטער

קום, שוועסטער,
לאָמיר זיך זעצן דאָ
אין ווייכן גראָז
מיט מאָרגן־טוי
אין פריער שעה
און אויפנעמען
דאָס אָרעם ביסל פרייד פון רו.

און דאָ אין דער פרעמד,
אין דער ווייטער ווייט,
צופוסנס פון באַרג
אין שוים פון טאָל
לאָמיר דערציילן פון נאָענטן אַמאָל:

ווי מיר האָבן ביידע
אין טאַטע־מאַמע געשפּילט —
איך אין טאַטעס זשיפּיצע
מיט יאַרמעלקע אויפן קאָפּ,
דו אין דער מאַמעס זיידן קלייד
מיטן לאַנגן שלעפּ
זיינען מיר שטיל, שטיל
אַראָפּ די טרעפּ.

און אַריין צום שכן
ר׳ מענדל דעם בייזן
מיט קינדישער פרייד
פאַר אים זיך באַווייזן,
אפשר וועט זיין קרומע אויג
ווערן גלייך,
און זיין רויטע נאָז בלייך.

איז ער געוואָרן פון בייז נאָך בייזער
און אָנגעהויבן שרייען,
און ניט געשריען סתם
נאָר מיט די פיס געטופּעט,
„אַזאַ חילול השם!"

האָב איך פאַר שרעק
די יאַרמעלקע פאַרלוירן
און דו ביסט אויפן זוים
פון קלייד געפאַלן,
איז ר' מענדל געוואָרן
נאָך מער אין כעס
און גאָר פון די כלים אַרויס.
איך בין געלאָפן און דו נאָך מיר,
זיין קול האָט באַגלייט אונדז
ביז צו דער טיר.

שפּעטער האָט די מאַמע
צום טאַטן געלאַכט:
„זע נאָר, זע נאָר,
פּורים אין־דער־וואָכן געמאַכט".

— קום, שוועסטער,
לאָמיר אין אַפּקלאַנג
פון נאָענטן אַמאָל
צונויפגיסן זיך פון באַרג,
צוקאָפּנס פון טאָל
דערציילן פון טעג,
פון וואָכן, פון יאָרן,
ווען מיר האָבן פּורים
אין־דער־וואָכן געמאַכט — —
און ווי קינדער אַמאָל,
אַמאָל זיך געשפּילט,
און ווי קינדער געלאַכט...

צו דער זון

אָ, זון, וואו איז אצינד דיין גלאנץ?
דו שיינסט נישט אין דיין גאנצער פּראכט.
צי האָט מיין ווי אויך דיך באטריבט?
צי האָט ער אויך אויף דיר א מאכט?

אָ, ניין, מיין הארץ איז שטארק גענוג,
עס טראָגט אין זיך דעם גרעסטן פּיין:
ניט שענק מיר, זון, קיין זיפץ, קיין קרעכץ,
און גיי, גיב־אָפּ דער וועלט דיין שיין.

ס'איז טאָג, דאכט זיך, און שוין גאנץ לאנג
און דאָך אין נעפּל איינגעהילט,
שטייט אלץ פארגליווערט און פארשמאכט
און נאָך דיין ליכט פארבענקט זיך פילט.

און שיקסטו נאָר דיין ערשטן שטראַל,
דערוואכט אין אלץ די לעבנס־פרייד.
נאָר איך אנטלויף אין טאָל צום קוואַל,
פון וועלט און מענטשן אָפּגעשיידט;

און שטיל באקלאָג איך דאָרט מיין וויי
אין יענעם שאָטנדיקן אָרט,
און ס'ווייסט קיין איינציקער פון זיי
צי האלט מיך פרייד, צי טרויער דאָרט...

יידישע זאמלביכער פון י. מ. וויסענבערג, 1920.
(צוגעשיקט פון העלען לאַנדינסקי)

ווי עופעלעך קליינע

ווי עופעלעך קליינע, צו דער מוטערס ברוסט
לאָמיר זיך טוליען אויבעט אַזוי...
איינער צום צווייטן מיט טריישאַפט און טרייסט,
לאָמיר זיין נאָענט זיך, ווי דער הימל צום בלוי.

לאָמיר, די קליינע פאַרבליבענע עדה,
לזכרון די טייערסטע וואָס זיינען אַוועק
דערמאָנען מיט בענקשאַפט יעדע אבידה,
לאָמיר זיין נאָענט זיך די פאַרבליבענע טעג.

איך זוך דיך אַרום

גאָט, איך זוך דיך אַרום אויף אַלע וועגן
און קאָן קיין שפּור פון דיר ניט געפינען,
ניט אין מזרח, מערב, צפון, דרום.
ס'הויערט איבער מיר דער ציטער פון א גרויסן שטורעם.

אויפגעגאַנגען זענען אַזוי פיל נייע זונען,
געצונדן און געלאָשן זיך. אַזוי פיל נייע שטערן.
און דער רעגנבויגן בלאַנדזשעט. איך קאָן קיין תקון
ניט געפינען,
און די וועלט קאָן אַליין קיין וועלט ניט ווערן.

דער מענטש, די קרוין פון דיין העכסטן באַשאַף,
האָט דערגרייכט שוין צו דיינע העכסטע רוימען,
וויל דערגיין דעם סוד פון דיינע סודות.
בידערט טיף צום אָפּגרונט, ביז טיפסטע תהומען.

אונדזער פרייד

דער דיכטערין יודיקאַ מיט פריינטשאַפט

ווי אַ האַרבסטיקע פרימאָרגן־זון
מיט בלאַסן שיין,
גייט אויף אין אונדז די פרייד
באַהעפט מיט פיין.

ווי אַ פלעמל אין דער נאַכט
שאַטנדיק איז אונדזער פרייד,
ווי אַ ווייטער, ווייטער שאָרך,
ווי אַ פעדעמל פון זייד.

בענקען מיר נאָך פרייד אַזוי
ווי די בלום נאָך איר טוי,
ווי דער מידער בענקט נאָך רו
אין דער שפּעטער אָוונט־שעה.

שבת

ווידער וואַלט איך וועלן קומען אַהיים
צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער,
און ווי די פייגל אין די נעסטן
אַנוואַרעמען מיינע מידע גלידער
אין די היימיש־אַלטע שטיבער.

און ווידער זאָל שבת זיין ווי אַמאָל,
די באָבע זאָל קומען צו גיין פון שול,
פאַרפוצט אין שוואַרצן זיידענעם קלייד,
אויף איר האַלדז די יחוסדיקע גאָלדענע קייט,
אין איר בליק די שבתדיקע לויטערע פרייד.

און ווידער זאָל זי זיצן איבערן טיש געבויגן
מיט שטילער פרומקייט אין די ליכטיקע אויגן,
לייענען מיט ליבשאַפט די צאינה־וראינה
מיט טרויעריקן ניגון פון איכה און תחינה,
און איבער איר די שבתדיקע שכינה.

און דער זיידע, נאָך דעם שבתדיקן שלאָף
שפּאַנט־אַרום פאַרטראַכט מיט אַ ספר אין האַנט
אין לאַנגן שלאַפראַק ביז צו דער ערד, —
אַזש פון ארץ ישראל געבראַכט דאָס געוואַנט,
באַמאָלן מיט קעמלען און יידן מיט בערד.

אויפן טיש שטייט דאָס שבת־אויבסט.
עס קומען פעטערס, מומעס, שוועסטער־קינדער,
מען דערציילט זיך מעשיות פון נסים און וואונדער.
די זון גיסט איר גאָלדן ליכט אויף די שויבן.
אין הויף דרייען זיך אַרום שבתדיק די טויבן.

דער טאַטע, טוט דעם ברודער פאַרהערן.
די מאַמע: „מסתם אַ רב וועט ער ווערן!"
שטיל און פאַרבאָרגן שעפּט זי נחת
און בענטשט אים אין האַרצן מיט גאָלדענע ברכות.

דער פאַרנאַכט קוקט אין פענצטער אַריין.
אויפן טיש שטייט דער הבדלה־ווייַן.
גרויע שאָטנס וואַנדערן אויף ווענט שוין אַרום.
די באָבע, ביים פענצטער זאָגט „גאָט פון אברהם,

דער הייליקער שבת גייט שוין אַוועק,
עס קומען צוריק די וואָכעדיקע טעג;
ליבער גאָט, זאָלסט אונדז נישט מינערן נאָר מערן" —
און איך: גיי אַרויס זוכן די שטערן.

ווידער וואָלט איך וועלן קומען אַהיים
צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער,
און ווי די פייגל אין זייערע נעסטן
אַנוואַרעמען די מידע גלידער
אין די היימיש־אַלטע שטיבער...

צו...

איך האָב דיר אַ מתנה געשענקט,
אַ מתנה ריינער פון גאָלד,
קלאָרער פון פערל.
און געוועבט איז דאָס געוועזן
פון דין־דינסטן זייד,
און ערלעך ווי דער שמייכל
פון אַ קינד — מיין פרייד...

האָסט די מתנה גענומען
ווי אַ שווערע לאַסט,
ווי אַ גרויסן יאָך,
אויף דיינע אַקסל געלייגט
און מיט אַ וואָלקן פאַרדעקט.
און אין שטילער בענקשאַפט
האָט די פרייד געוועלקט,
און אָנגעפילט מיין האַרץ מיט וויי
ווי דאַריאַן גריי.

דער בלויער פויגל

עס ציט מיך נאָך אַלץ צום וועג צוריק,
צו דער אַלטער, לאַנגער פאַרלוירענער בריק.
מיר דאַכט אַז אַלץ געווען איז נאָר גרוי
און די פרייד אַ קליינער טראָפּן טוי...

דאָס וואָרט, וואָס רופט זיך רוים און צייט,
איז אויך ניט סתם מיט דעם ווינט אַוועק,
דעם בלויען פויגל ניט דערגרייכט
און געבליבן שטיין אין מיטן וועג.

דער ברודער קוים צוואַנציק יאָר אַלט,
געשמט אַן עילוי אַ דבר־טוב,
און די מאַמע די אייביק־צאַרטע,
שטיל און צאַרט ווי די שטילסטע טויב;

דער טאַטע, פאַרטראַכט תמיד אין שווייגן,
ווי עפּעס אין אַ טיפן־טיפן סוד.
געזויגן די ספרים, ווי זאַפט פון די צווייגן, —
זיי אַלע האָט פריצייטיק פאַרנומען דער טויט.

איך, די עלטסטע, און מיין שוועסטער די יינגסטע,
געבליבן מיט טרויער און שאָטנס אויף ווענט.
ווען איך האָב באַנומען דאָס ערשטע געזאַנג,
איז זייער געזאַנג אויסגעגאַנגען אויף מיינע הענט.

כ׳וועל זיין ווי איך בין געווען

כ׳וועל זיין ווי איך בין געווען,
און וועל בלייבן שוין אַזוי.
ניט לויפן אין געיעג
נאָך דעם זילבערנעם טוי...

כ׳וועל זיין ווי איך בין געווען,
מסתמא בלייבן שוין אַזוי,
ניט צערטלען דעם גאָלדענעם האָן,
ניט זיצן מיט לייטן אויבן־אָן.

כ׳וועל גיין ווי איך בין געגאַנגען
מיין אייגענעם וועג
און בלייבן שוין אַזוי
ביז מיינע פאַרבליבענע טעג.

נ אַ כ ט

גענען צו מיר, נאַכט,
ס'איז שטיל און שפּעט די שעה,
קום ווי די מאַמע אַמאָל,
באַהויך מיך מיט דיין רו.

נעם צו פון מיר די דאגות,
וואָס רינגלען אַרום מיינע טעג,
ווי ביימער אָן פּירות,
אָן דעם קלענסטן און מינדסטן פאַרמעג.

באַלד וויקלט דער הימל זיך אויף
ווי די רויז אין שטילן פאַרטאָג,
פייגל שוין זינגען פון ווייט,
צוקאָפּנס נאָך פלאַטערט די זאָרג.

גענען צו מיר, נאַכט,
ס'איז שטיל און שפּעט די שעה,
ווי די מאַמע מיט ליבן בליק
באַהויך מיך מיט דיין רו.

טעג

עס לויפן ווי רגעס די טעג,
די שעהען ווי וואָכן, ווי יאָרן,
ווי אין אַ בהלה־געיעג
ווי ס׳וואָלט עפּעס געגאַנגען פאַרלאָרן.

און דאָס פעלד איז נאָך נישט געשניטן,
נאָך ניט געבונדן די זאַנגען,
כ׳מוז איילן צום פעלד פאַרן רעגן,
כל־זמן די זון נאָך ניט פאַרגאַנגען.

האַרט געפּלאָסן זענען טעג
געלאָזט מיך שטיין אין מיטן וועג.
איז מיין קליינער אָרעם בייט
זיך ניט צעוואַקסן אין דער ברייט...

איך בין אַ פרעמדע

איך בין אַ פרעמדע אין מיין אייגענעם גבול,
אַ פרעמדע אין מיין נאָענטן אַרום,
כאָטש היימיש איז מיר דאָ יעטוועדער שטיין,
דאָס גרילצן אפילו ביינאַכט פון דער גריל,
יעדעם צווייגל וואָס שטרעקט זיינע אָרעמס צום רוים,
דער הימל, די שטערן, ביים פענצטער דער בוים,
דאָס פייגל־געזאַנג אין פריען באַגין, —
דאָך באַקום איך גאַנץ אָפט אַ שטאָך פון אַ בין...

יום־כיפור

געבענטשט זאָל זיין דער טאָג פון גלויבן,
געבענטשט זאָל זיין יעדע רגע און שעה —
דער טאָג פון דערמאָנונג, דער טאָג פון דערהויבונג.
געהייליקט זאָל זיין דער טאָג פון רו.

געבענטשט זאָל זיין דער טאָג פון קדושה,
פון חשבון־הנפש צו זיך און צו גאָט,
זאָל וועלט זיך באַהעפטן מיט אונדזער ירושה
פון באַרג סיני די הייליקע צען געבאָט.

געבענטשט זאָל זיין דער טאָג פון דערמאָנונג
אָן קנאה־געיעג נאָך דעם גאָלדענעם קאַלב.
וועט אויפגיין די זון מיט אַ ליכטיקן מאָרגן,
מיט מילדקייט פון טויב, און פשטות פון שוואַלב.

אַלע בעטעלעך

אַלע בעטעלעך אויפגעבעט,
אַלע שטיבעלעך אויסגעקערט.
וואָס געווען, געווען אַמאָל,
ווערט שוין מער נישט זיין באַשערט.

אַלע זאָרגן אויסגעזאָרגט,
אָפּגעזאָגט שוין אַלע רייד,
וואָס געווען, געווען אַמאָל,
פאַרשלונגען האָט שוין לאַנג די צייט.

בין איך ווי א בלאַט אין הארבסט
אויף אַ צווייג, וואָס האַלט זיך קוים,
יעדער מינדסטער, קלענסטער ווינט
טיפער בייגט דעם אַלטן בוים.

אַלע בעטעלעך אויפגעבעט,
אַלע שטיבעלעך אויסגעקערט.
אַלץ וואָס איז געווען אַמאָל,
ווערט שוין מער נישט זיין באַשערט.

אין דיין שטוב, געליבטער

אין דיין שטוב, געליבטער, וויל איך טרייסט געפינען,
אין דיין שטוב, געליבטער, וויל מיין זעל זיך שטילן;
די שטילקייט איז מיין הארפן־קלאנג,
די רו, זי איז מיין כאָר־געזאנג...

אין דיין שטוב, געליבטער, וויל מיין טרוים זיך וועבן,
אין דיין שטוב, געליבטער, הערשט א הייליק שטרעבן:
א פרידלעך שטילער הימלס־טרוים,
א טיפער, בלויער לעבנס־תהום,
דער סודות־טרויער פון ליבע־גליק,
וואו איך מיר לאַך, וואו איך מיך קוויק.

און אוממעכטיק וויל איך אין דיין אָרעם פאלן,
ווי א מידע פון טראָמפייטן־שאלן;
מיין קאָפּ באגראָבן אין דיין ברוסט,
מיין לוסט דערטרינקען אין דיין לוסט,
פארלירן זיך אין לעבנס־קוואלן.

מיין שטאָט, מיין גאַס

פינף צענדלינג יאָר שפּאַן איך אין דער שטאָט דאָ,
און וועל מסתמא אזוי שפּאַנען ביז מיין לעצטער שעה —
מיט זון־אויפגאַנג, מיט זון־פאַרגאַנג,
מיט איר פרייד, מיט איר טרויער
און מיט ליבשאַפט צו יעדער יידיש טיר און טויער.

די שטאָט, אַ שטאָט ווי אַלע גרויסע שטעט,
אָנגעשטאָפּט מיט רחבות און מיט נויט,
נים יעטוועדן איז באַשערט אַ העמד מיט ברויט,
און דאָס ביסל האָניק פון גאָטס גענאָד.
אַזוי גייט אַלץ אין יעדער גרויסער שטאָט.

די גאַס געווען אַמאָל איז דאָ מיט יידן
פּשוטע, לומדי תורה, שירים־זינגער.
יידיש ניגון האָט געקלונגען
ווי דאָס געזאַנג פון פייגל אין באַגינען
פון יעטוועדן יידיש ווינקל דאָ אַרוים.

די לומדי תורה, שירים־זינגער, יידן פּשוטע,
וואָס האָבן דאָ די גאַס באַשיינט,
זיינען שוין פון לאַנג אַוועק אויף יענער זייט
מיטגענומען דאָס גאָלד אויף זייער לאַנגן וועג,
זיינען ווי אַ חלום בלויז פאַרבליבן יענע טעג.

גיי איך אַמאָל די אַלטע גאַס פֿאַרביי,
הער איך פֿרעמדע קלאַנגען, לשונות אַלערליי
און אויף דעם אָרט פֿון דער אַלטער שול,
וואָס האָט די גאַנצע עדה יידן דאָ באַדינט,
שטייט אַ קלויסטער מיט אַ גרויסן צלם אין דער מיט...

בלויז דער הימל איז געבליבן ווי אַמאָל,
די זון ווי אַ קיניגין באַשטראַלט די טעג, באַרג און טאָל,
די נעכט באַקרוינט מיט פֿינקלדיקע שטערן,
וואָס מערן זיך און מערן
און וועלן אַנדערש שוין נישט ווערן...

די לבנה אָבער גייט מיר נאָך אַלע מיינע טריט,
ווי זי וואָלט געבענקט ווי איך נאָך דער אַלטער גאַס,
נאָך די לומדי תורה, שירים-זינגער, יידן פּשוטע,
וואָס וועלן קיינמאָל, קיינמאָל שוין נישט קומען צוריק...



פײַרמאָנט־שול, מאָנטרעאָל

גראַווייור פון סטענלי לואיס, 1945

משה רבינו אונדזער וועגווייזער

משה, לערער אונדזערער,
וועגווייזער, אויסלייזער,
שטיי־אויף און זע
ווי וואולקאנען, שטורעמווינטן,
ווי כוואליעס פון א צעברויזטן ים
זיינען זיי ווידער דא די שונאים
און ווילן אויסראטן דיין שטאם.
דער ברודער ישמעאל
וויל איינגאנצן פארטיליקן
דיין פאלק ישראל.

שטיי־אויף, און זע!
אפן איז נאך אונדזער וואונד,
נאך טריפט דאס אומשולדיקע בלוט,
עס רייכערן נאך די טרעבלינקער קוימענס
און עס יובלען שוין איבער אונדז
די נייע המנס.

נעם דיין וואנדער־שטעקן און גיי,
באגלייט פון הייליקן סנה,
גרוים און הייליק איז די שעה.
נאך קיינער איז געווען ווי דו.
אויף וואגשאל אונדזער קיום שטייט,
קום, ווי פארצייטן אמאל,
לייז אויס דיין פאלק ישראל!

עסייען

„מלכות געטאָ" פֿון ישעיהו שפּיגל

אין 1948 האָב איך דערהאַלטן פֿון לאָדזש ישעיהו שפּיגלס בוך דערציילונגען מלכות געטאָ, — אַ קליין גרוי ביכעלע, מיט אַן אַריינשריפֿט „דאָס ערשטלינג פֿון באַנייטן פּוילן". דאָס ביכל האָט ניט געהאַט קיין האַרטע טאָוולען, ניט קיין גאָלד־אויסגעקריצטע אותיות, ווי מיר זיינען געוואוינט צו זען אויף אַ יידיש בוך אין אַמעריקע. קליין, גרוי און שוואַרץ, גרוי ווי עס זעט איצט אויס דאָס יידישע לעבן אין די לאָדזשער גאַסן. אויף דעם שער־בלאַט זיינען אין שוואַרץ אָנגעוואָרפֿן עטלעכע געבויגענע הייזעלעך, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, אַ מענטשלעך געשטאַלט ווי אַ ציטערדיקער שאָטן שוועבט צווישן דער שוואַרצער גרויקייט. סימבאָל — געטאָ.

ווען מען הייבט אָן לייענען אין דעם קליינעם גרויען ביכעלע די עלף קורצע דערציילונגען, קאָן מען זיך פֿון זיי ניט אָפּרייסן. וואָס פֿאַר אַ טיף־לירישער טרויער ליגט אין די שטיל־רירנדיקע געטאָ־בילדער.

ישעיהו שפּיגל האָט אַליין דורכגעלעבט אַלע געטאָ־גרוילן און ווי אַן עכטער קינסטלער איז ער מסוגל מיט אַזוי פֿיל פּשטות איבערצוגעבן דאָס לעבן פֿון יחידים אין אַ וועלט פֿון איבערמענטשלעכע גרוילן און צער. פֿון יעדער דערציילונג הויכט אַרויס אַ ציטערדיקע שטילקייט, אַ שטילקייט אַזאַ, ווי מיר פֿילן בשעת מיר קריכן אַרום צווישן קברים אַליין און איבער אונדז זינגען פֿייגל אַ טרויעריק געזאַנג.

כמעט אומעטום פֿירט שפּיגל אַרויס די פֿרוי ווי אַ סימבאָל פֿון מסירת־נפֿש. אין די שווערסטע מינוטן, אין די גרעסטע געפֿאַרן, איז זי אַלעמאָל די, וועלכע שטעלט זיך איין; זאָל זיין כאָטש מיט אילוזיע, אַבי ברענגען אַ ביסל טרייסט און דערמוטיקונג. די מאַמעגליקע שטייט אַ גאַנצן טאָג פֿאַר אַ קיך מיט צוויי גרויסע טעפּ, כדי צו קריגן אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ. זי שטייט אַזוי ביז די נאַכט פֿאַלט צו, און אַז זי קריגט שוין ס'ביסל וואַסער וועט זי ניט פֿאַרזוכן, כאָטש דער הונגער קניפּט און נאָגט אונטערן האַרצן, ווי מען וואָלט דאָס פֿלייש אירס מיט צוואַנגלעך געריסן. זי פֿאַרגינט זיך עס ניט. און סוף כל סוף שטאַרבט זי מיט די צוויי טעפּ אין אירע הענט. און זעלדע, וועמענס חתן האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ חתונה־בעט און איז פֿאַרשוואונדן אין דער בהלה, מיט נאָך אַ סך

אַנדערע יידן, ראַנגלט זיך אין גרויס ישוב־הדעת מיט זיך. לסוף גייט זי צו מיט גרויס ציטער צום בעט, זי זאָגט ניט דער צעשראָקענער מאַמען וואָס זי גייט טאָן. זי האַקט אָפּ די וואַנט פון חתונה־בעט, כדי אין צווייטן חדר, וואו עס ליגט דער אויסגייענדיקער לייבושל, פייער אונטערצולייגן. די מאַמע, וואָס קאָכט צעפּוילטע שטיקלעך קרויט, אָדער קאַרטאָפל־שאָלעכץ, שטייט און קרעכצט, ניט ווייל זי וועט דאָס ניט קאָנען נעמען אין מויל אַריין, נאָר ווי אַזוי גיט מען דאָס דעם מאַן צו עסן.

אַזוי בילד נאָך בילד קומט אַרויס די עכט־יידישע מאַמע און פרוי געלייטערט, אַזאַ וואָס איז גרייט אויפן אייגענעם לייב און גוף איבערצוטראָגן אַלע גרוילן, אַבי אירע מיטמענטשן צו קאָנען ברענגען אַ ביסל הילף. מענטשן געשוואָלענע פון הונגער, זשיפּען מיט האָפענונג, אַז זיי וועלן נאָך דערלעבן אַ ביסל פרייד. גוססדיקע אויסגייענדיקע גופים חלומען וועגן אַ מענטשלעכער יידישער לוויה, זיי זאָלן נישט אַרויסגעוואָרפן ווערן אויף אַ וואָגן מיסט.

אַזוי שילדערט ישעיהו שפּיגל די אַלע גרוילן און וועבט אַריין אין זיי אַזוי פיל צאַרטקייט און נשמה. מען ווערט אַרומגענומען מיט אַ הייליק געפיל און מען באַקומט דרך־ארץ פאַר יעדן טיפּ באַזונדער. אויך די נאַטור־שילדערונגען זיינען ביי שפּיגלען ווי לעבעדיקע מענטשן, די נאַטור געשטאַלטיקט זיך גאַנץ אָפּט צום אויסזען פון געטאָ, גייט מיט טראָט ביי טראָט, לעבט זיך אַריין מיט איר גאַנצער רייפקייט אין צער. געשוואָלענע וואָלקנס האָבן אַן אויפהער געריסן זייער איינגעווייד, די קאַשטאַן־ביימער רוישן אַן אומהיימלעך געררויש, אַ גרין צווייגעלע פון דער אַרישער זייט, אַ ביסל וויס בליעכץ, וואָס אַ יידיש קינד האָט פּלוצעם דורך דער געטאָ־וואַנט דערזען און איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט מיט אַ פינגער אין מויל, און מיט אויפגעפּראַלטע אויגן, האָט אויפגעוועקט אין אים אַזוי פיל בענקשאַפט און פרייד.

עס איז דאָ נישט דאָס אָרט מער צו ציטירן. דאָס בוך דאַרפן לייענען יידן און ניט־יידן. די דערציילונגען וואָלטן געדאַרפט אַריינגענומען ווערן אין אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר מיטלשול־קינדער. זאָלן קומענדיקע דורות לערנען און וויסן, ווי אַזוי זעקס מיליאָן יידן זיינען אומגעקומען. געשיכטע וועט קיינמאָל נישט איבערלאָזן אַזאַ איינדרוק און געפיל פון אונדזער טרויער און צער ווי די דערציילונגען. געשיכטע איז ניט מסוגל אַריינצואוועבן אין אונדזער מוח די איבערמענטשלעכע ליידן פון די יידן אין געטאָ. ביי דער גע־

לעגנהייט איז ווערט צו דערמאָנען אַז ישעיהו שפּיגל איז אַליין פון לאָדזשער באַלוט. ווער עס האָט געקאָנט אָדער געהערט דעם נאָמען לאָדזשער באַלוט, ווייסט אַז אין באַלוט האָט געוואוינט דער יידי־שער דלות. גרויסע משפחות פון אַכט, צען מענטשן האָבן געוואוינט אין איין שטוב. אין דער אייגענער שטוב זיינען געשטאַנען עטלעכע וועבשטולן, דאָ האָט מען געאַרבעט, געגעסן, געשלאָפן, געבוירן און געשטאָרבן. אָט פון דער אָרעמקייט איז געקומען דער טאַלאַנ־טירטער דיכטער און פּראָזע־שרייבער ישעיהו שפּיגל.

י. שפּיגל האָט שוין פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער לידער, וואָס האָבן גלייך אים געגעבן אָנער־קענונג פון אַן אָנקומענדיקן גרויסן טאַלאַנט.

פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה וואוינט ישעיהו שפּיגל אין ישראל. ער איז געקומען אַ צעווייטיקטער, אַ צעבראָכענער פון די אַלע שוידערלעכע איבערלעבונגען וואָס ער האָט אַליין מיטגע־מאַכט. אויף טריט און שריט גייען אים נאָך די טרויעריקע ביל־דער, פון וועלכע ער קאָן זיך אויף קיין איין מינוט ניט באַפרייען. ער איז אין ישראל גאַנץ שעפעריש סיי אויף דעם געביט פון דיכ־טונג, סיי אויף דעם געביט פון פּראָזע. עס איז ווערט צוצוגעבן אַז ניט־לאַנג צוריק האָט שפּיגל פאַר זיינע נאָוועלן, ראָמאַנען און לי־דער פון „צער און צאָרן" באַקומען די איציק מאַנגער־פּרעמיע.

שמעון האָראָנטשיק (1939—1890)

(אַ ביאָגראַפישע סקיצע)

וולאָצלאַוועק, די וואונדערבאַרע שטאָט ביי דער ווייסל, מיט אירע געדיכטע אַלייען לענג־אויס פון איין זייט שטאָט. די צווייטע זייט שטאָט איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ בריק אַן ערך אַ מייל לאַנג. די בריק האָט געפירט צום וואַלד. אַ גרויסער טיפער וואַלד, מיט הויכע געדיכטע סאָסנע־ביימער, הויכע בערג און טיפע טאָלן, מיט זילבער־ווייסע זאַמדיקע פּלאַזשעס ביים טייך, — דער דאַטשע־אָרט: „שפּעטאַל".

דאָרט, אויף אַ הויכן באַרג, אין טיפן וואַלד, אין אַן אָרעם הילצערן הייזל האָט געוואוינט דער שרייבער שמעון האָראָנטשיק מיט זיין פרוי.

איך האָב שוין געהאַט באַגעגנט האָראָנטשיקן מיט אַ צייט פריער, דאַן ווען ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן זיין ערשט און לעצט לידערביכל „פעלד־בלומען". עס איז טאַקע געווען אין שפּע־טאַל, וואוהין עס פלעגן יעדן זומער אַרויסקומען אויף אָפּרו דיכ־טער, שרייבער, קולטור־טוער, צווישן זיי אויך דר. י. ב. ציפּור, דער מחבר פון די דראַמאַטישע פּאָעמעס: „גלות בבל", „די שכינה אין גלות", און אַנדערע ווערק, וועלכער פלעגט פון פּאַריז קומען קיין שפּעטאַל אויף דאַטשע. און דאָרט האָב איך אויך באַגעגנט ש. האָראָנטשיקן. זיין אויסזען איז געווען אַ ביסל מגושמדיק, ווי ער וואָלט געווען אַ דאָרפס־מענטש פון דור־דורות. אויך דער הילוך זיינער האָט געשטימט מיט זיין אויסזען. ער האָט נאָך דע־מאָלט געוואוינט אין סאָמפּאָלנע, אַ קליין שטעטעלע ניט־ווייט פון וולאָצלאַוועק. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון אַ שפּייז־געוועלבל. אויף דער פרנסה זיינער האָט ער זיך אַלעמאָל באַקלאָגט. די וויי־בער מיט די הערינג פון פעסל האָבן אים שוין געהאַט היפּש דער־עסן און ער האָט אַלץ געטענהט, אַז ער מוז פון דער פרנסה פּטור ווערן.

האָראָנטשיק האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, פאַרקויפט דאָס גע־וועלבל, אָפּגענומען עטלעכע הונדערט רובל און זיך באַזעצט אין וולאָצלאַוועק. עטלעכע יאָר האָט ער געוואוינט אין שטאָט. זיין פרוי האָט גענייט קליידער און אים אַרויסגעהאָלפן אין דער פרנסה. האָראָנטשיקן איז אָבער דאָס לעבן אין שטאָט ניט געפעלן

געוואָרן און ער האָט זיך באַזעצט אין שפּעטאָל. די עטלעכע הונ־דערט רובל האָט ער אַוועקגעליען זיין פּרויס ברודער (דער שוואָ־גער האָט געהאָט אַ גרויס הורטאָווע שפּייז־געשעפט) און עס איז אויסגערעדט געוואָרן, אַז ווי פּראָצענט פאַרן געלט וועט האָראַנ־טשיק פאַר זיך מיט זיין ווייב באַקומען יעדע וואָך אַ ביסל שפּייז: קאַווע, צוקער, בעבלעך, מעל אד״גל.

אין אַ פּאָר הויכע שטיוול, אין אַ סאָלדאַטסקן שינעל, וואָס ער האָט באַקומען אַ מתנה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, אַ קויש אין איין האַנט, אין דער צווייטער האַנט — אַ גראָבן שטעקן, פלעגט ער טאָג־טעגלעך קומען אין שטאָט אַריין. דעם קויש האָט ער גע־טראָגן אויף אַריינצולייגן אַ ביסל גרינס, וואָס ער פלעגט איינ־קויפן אין שטאָט, און איין מאָל אַ וואָך אויך די שפּייז־„פּראָצענט״ פון שוואָגער.

די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן געוואוינט אין וולאָצלאַוועק (פון 1922 ביז 1926) איז כמעט ניט געווען קיין טאָג, אַז האָראַנ־טשיק זאָל אונדז ניט אָפּשטאַטן קיין וויזיט. טאָמער האָט ער יאָ אַמאָל צוליב עפּעס אַ סיבה ניט געקאָנט קומען, האָבן שוין די שכנים פון אונדזער הויף, וואָס האָבן אים יעדן טאָג געזען אַדורכ־גיין, געפרעגט: „וואָס איז עפּעס דער ‚אַרענדאַר‘ היינט ביי אייך ניט געווען, האָט עפּעס, חלילה, מיט אים פּאַסירט?״

זיין ערשטן ראָמאַן „פאַרפלאָנטערטע וועגן״ האָט שמעון האָ־ראַנטשיק אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אין סאָמפּאָלנע, פאַרענדיקט האָט ער אים שוין אין וולאָצלאַוועק. ווי אַלע אָנפאַנגער איז אים אויך ניט־גרינג אָנגעקומען אַז דאָס בוך זאָל דערזען די ליכ־טיקע שיין. ער האָט געקלאַפּט אין אַ סך טירן פון פאַרלאַגן און פאַרלעגער, אָבער אָן דערפאָלג.

אין יענער צייט האָט דער שרייבער י. מ. ווייסענבערג מיט ד״ר ציפּור אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל זאַמלביכער און אויך ווערק פון יונגע טאַלאַנטן. ווייסענבערג האָט האָראַנטשיקן זייער וואַרעם אויפגענומען, ממש פאָטערלעך, און צוגעזאָגט אים העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז האָראַנטשיק איז גאָר שטאַרק פון די באַוווּלטע.

סוף כל סוף איז דאָס בוך דערשינען. אין דעם בוך איז דאָ אַ פאָרוואָרט פון י. מ. ווייסענבערג פון היפּשע עטלעכע זייטלעך,

האָט ער גיסט אויס זיין גאַנצן צאָרן און ווייטיק אויף די סנאָבישע שרייבער, קולטור־טוער און פאַרלעגער וואָס לאָזן ניט אַז יונגע שרייבער זאָלן קומען צום וואָרט. ער באַשולדיקט אויך דעם ליטע־ראַטן־פאַראיין — טלאָמאַצקע 13. דאָס פאָרוואָרט האָט אַרויסגע־רופן אַ סקאַנדאַל אין די ליטעראַרישע קרייזן, אָבער י. מ. ווייַ־סענבערג האָט געהאַט אַ סך סאַטיספאַקציע, ווייל דאָס בוך האָט גלייך באַקומען גוטע אָפּרופן.

איך געדענק גאַנץ גענוי, ווי עס וואָלט איצטער געשען. עס איז געווען אין אַ פרייטיק, האָראַנטשיק, ווי געווינטלעך, גיט אַ פּראַל אויף די טיר, לויפט אַריין אַ פּאַרסאָפּעטער, אָן אָטעם, מיט אַ צייטונג אין דער האַנט: „איר זעט — זאָגט ער מיט ענטו־זיאַזם, — דער ערשטער אָפּרוף איז שוין אַ גוטער". עס איז גע־ווען דער „היינט", וואו דער מיטאַרבעטער י. מ. ניימאַן האָט אָפּגעדרוקט אַ גוטע אָפּהאַנדלונג איבער די „פאַרפלאָנטערטע וועגן". דאָס האָט האָראַנטשיקן באמת געגעבן אַ שטויס צו זיין ווייטער־דיקן שאַפן.

מיט אַ יאָר שפעטער האָט האָראַנטשיק פאַרענדיקט זיין צווייטן ראָמאַן — „זומפ". אויך מיט דעם בוך איז געווען פאַרבונדן אַ שטיקל סקאַנדאַל. אַזוי ווי די קריטיק האָט זיך ניט גינסטיק אָפּגערופן אויף דעם ראָמאַן, האָט האָראַנטשיק געפּרואווט זיך נע־מען דאָס לעבן. האָראַנטשיק האָט אויסגעטרונקען סם, אָבער מ'האָט אים שנעל אָפּגעראַטעוועט.

אין „זומפ" שילדערט דער מחבר דאָס לעבן פון זיין שוואָ־גערס אויפגעקומענע גבירישע הויז אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. געלט איז געפלאָסן פון אַלע זייטן און מ'האָט ניט געוואוסט וואָס דערמיט צו טאָן. די פרוי און די קינדער זיינען זייער דעמאָראַליזירט געוואָרן. די דינסטן, די קינדער — אַלע האָבן געגנבעט און ער, דער באַלעבאָס, האָט אין דער גרינגער געלט־מאַכעריי ניט געזען, וואָס ביי אים אונטער דער נאָז טוט זיך. האָראַנטשיק האָט געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף דער אויפגעקו־מענער גבירישער שטוב. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען אָפּ־צושטיין שעהן ביי זיין שוואָגער אין געשעפט מיט דעם קויש אין האַנט, ביז מען האָט אים אַריינגעוואָרפן דאָס ביסל שפייז ווי אַ נדבה. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט און באַליידיקט; ער האָט געביילט אויף זיי מיט די פויסטן, ווען ער האָט דאָס אונדז דער־ציילט. „איך וועל זיי שוין באַשרייבן" — האָט ער מיט זיין גראָבער שטים בייז געזאָגט.

די טעמע פאַר זיין דריטן ווערק, „אויפן באַרג", האָט ער גע־נומען ביי זיינע ניט־יידישע שכנים, וואָס האָבן געוואוינט ניט־ווייט פון אים אויפן באַרג. צו דעם ראָמאַן האָט אים אָנגערעגט אַ לע־טישע פרוי, וועלכע האָט געפירט אַ געהיימע ליבע מיט אַ פרעמדן מאַן און פאַרראַטן איר אייגענעם מאַן. עס איז אַ בוך פול מיט סעקסועלע אויפברויזן און האָט אַרויסגערופן פאַרשיידענע מיי־נונגען אין די ליטעראַרישע קרייזן. שפּעטער איז אַרויס פון דרוק „אין רויש פון מאַשינען", וואו האָראָנטשיק שילדערט די אויפוואַ־כונג פון פּויליש־יידישן אַרבעטער אין 1905. האָראָנטשיק אַליין איז אין יענער צייט געווען אַ שטריקער־אַרבעטער ביי זיין רייכן פע־טער אין קאַליש און איבערגעזעטיקט מיט די עוולות, וואָס זיינען קעגן אים, ווי אויך קעגן אַנדערע אַרבעטער, באַגאַנגען געוואָרן.

אין שפּעטאָל, אויפן באַרג, האָט האָראָנטשיק געפירט אַ זייער אָרעם לעבן. אַ קליין אָרעם הילצערן שטיבל מיט צוויי בעטלעך, אַ טישל מיט צוויי שטולן — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל אין שטיבל. סיי זומער, סיי ווינטער האָט מען געקליבן ריטלעך און שפּענער אין וואַלד, — אויף צו קאָכן, און ווינטער אויך אויף באַהייצונג. האָראָנטשיק איז אָבער געווען פול מיט בטחון און גלויבן, אַז ער וועט זיך סוף־כל־סוף אַדורכשלאָגן אַ וועג אין דער יידישער ליטעראַטור. און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט אַפילו אין די שווערסטע באַדינגונגען.

יעדן שבת נאָכמיטאָג פלעגן מיר פאַרברענגען ביי האָראָנ־טשיקן אין וואַלד אויפן באַרג. אַ גרופּע פריינט, פלעגן מיר זיך אַלע אויסזעצן אויף דער ווייכער באַבלעטערטער ערד. האָראָנטשיק האָט מערסטנס פאַרגעלייענט קאַפּיטלעך פון זיינע ראָמאַנען נאָך אין מאַנוסקריפּט, דערנאָך פלעגן מיר שמועסן, זינגען לידער צו־זאַמען. אַזוי — ביז די זון פלעגט זיך אַראָפּלאָזן גאָר נידעריק און מיט אירע פייער־רויטע קאַלירן זיך אָפּשפּיגלען אין דעם קעגנ־איבערדיקן קלאָרן וואַסער פון דער ווייסל.

* * *

ווען מיר האָבן אין 1926 פאַרלאָזן וולאָצלאַוועק האָט האָראָנ־טשיק נאָך געוואוינט אין וואַלד אויפן באַרג. אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען אין די ליטעראַרישע קרייזן אין וואַרשע. זיינע אַרבעטן האָבן זיך שוין געדרוקט אין עטלעכע טעגלעכע צייטונגען און אין זשורנאַלן, אויך אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפט". ער איז

אויך געוואָרן דערנאָך אַ מיטאַרבעטער אין „היינט", „פאָלקס־צייַ־טונג" און האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע. אין דער „צו־קונפט" פון אויגוסט, 1939, איז געווען אָפּגעדרוקט זיינע אַ גרע־סערע דערציילונג, כמעט אַן אויטאָביאָגראַפיע. ממש, ווי ער וואָלט פאָרגעפילט, אַז דאָס וועט זיין זיין לעצטע אַרבעט. לויט ווי מיין זכרון טוט מיר דינען, איז די דערציילונג באַזירט געווען אויף די ליידן און נויטן, וואָס אַן אָרעמער לער־ייִנגל האָט אויסצושטיין ביי אַ רייכן קרוב, אַ פאַבריקאַנט. ער האָט זיי פיינט געהאַט, די רייכע קרובים. אַמאָל אין אַ שמיטה, פלעגן זיי, די גבירים, אַרויפ־קומען צו די אָרעמע קרובים און מיטברענגען אַלטע, אָפּגעטראָ־גענע מלבושים פאַר זיין מוטער, דער אַלמנה, מיט אירע קינדער. איין מאָל האָט האָראָנטשיק גענומען די אַלטע שמאַטעס און זיי צוריקגעוואָרפן די רייכע קרובים אין פנים אַריין.

* * *

אין האַרבסט פון דעם פאַטאַלן יאָר 1939, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז די גרויל־נייַעס, וואָס די נאַציס טוען צו אונדזערע ייִדן, איז אויך דערגאַנגען צו אונדז די דערשיטערנדיקע נייַעס, אַז שמעון האָראָנטשיק איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין קאָ־לושין, אַ קליין שטעטעלע ניט־ווייט פון וואַרשע. איידער אומקו־מען דורך די פאַרבלוטיקטע הענט פון די נאַציס האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן דורך איבערשניידן די אָדערן מיט אַ ראַזיר־מעסער. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז שמעון האָראָנטשיק געווען דער ערשטער פון די ייִדישע שרייבער, וואָס איז אומגע־קומען צוליב די נאַציס אויף קידוש־השם. 49 יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער איז אַוועק פון דער וועלט.

י. מ. ווייסענבערג

י. מ. ווייסענבערגן האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין 1920. ער איז דעמאָלט קוים אַלט געווען 38 יאָר און אויסגעזען אַ סך עלטער פון זיינע יאָרן. די שטריכן פון זיין פּנים האָבן אויסגעדריקט אַ שטאַרקן און פעסטן כאַראַקטער ווי אַ סך פון די טיפן אין זיינע דערציילונגען, צו דער זעלבער צייט אַ נאַאיווע מילדקייט מיט צערטלעכע וואַרעמע בליקן.

אין יענעם יאָר איז ווייסענבערג צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז דאָרט געווען אויף אַ קאָנפערענץ פון יידישע שרייבער און קולטור־טוער. צווישן אַ סך וויכטיקע זאַכן איז דאָרט אויך דיסקוטירט געוואָרן וועגן אַ נייעם אויסלייג פאַר דער יידישער שפּראַך. ער האָט גערעדט מיט אַ סך ענטוזיאַזם וועגן זיין רייזע, אָבער וועגן נייע רעפאָרמען, וועגן אַ נייער אָרטאָגראַפיע פאַרן יידישן לשון האָט ער געזאָגט קורץ און שאַרף ווי זיין שטייגער איז געווען: „יאָך וועל זיך אין דעם ענין אינגאַנצן ניט מישן, יאָך וועל שרייבן ווי מיר געפעלט“. ווי מיר ווייסן האָט זיך ווייסענבערג זיין גאַנץ לעבן געהאַלטן ביי זיין אייגנאַרטיקן אויסלייג.

אין זיין אָרעמער שטוב וואָס איז געלעגן טיף, טיף אין אַ ווינקל פון אַ לאַנגן וואַרשעווער הויף צווישן אָרעמען יידישן קוואַרטל, — אַ שטוב אָן זון, אָן ליכט, האָט קיינמאָל ניט גערוט. מען איז דאָרט שטענדיק אַריין און אַרויסגעגאַנגען. ניט חלילה די גרויסע, די אָנערקענטע שריפטשטעלער, נאָר אָנפאַנגער, יונגע דיכטער און פּראָזאַאיקער. ער, איטשע מאיר ווייסענבערג, איז מיט אַלעמען געווען פאָטערלעך צערטלעך און מילד. אין זיין סביבה האָט זיך יעדער געפילט באַענט־היימיש און חבריש, ווי מיט זיינס גלייכן. ער האָט קעגן די יונגע קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן גרויסהאַלטעריי אָדער כבוד־זוכעריי.

אַ חוץ זיינע אייגענע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט י. מ. ווייסענבערג אויך אין יענער צייט געפּרוּאווט מזל אויף דעם פאַרלעגערישן געביט. אגב, איז דאָס ביי אים געווען אַ באַזונדערע אַמביציע. עס איז געווען זיין באַגער צו באַווייזן דער יידישער שרייבער־וועלט, אַז עס זיינען פאַראַן יונגע טאַלאַנטן וועלכע ווערן פאַרזען. אין דעם פאַרלאַג האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע אונטערן נאָמען זאַמלביכער. רעדאַקטירט די אויסגאַבע האָט ער און ד״ר י. ב. צפּור. אין די זאַמלביכער האָבן

זיך באַטייליקט אַממערסטן יונגע טאַלאַנטן. ווייסענבערג האָט דאָרט געהאַט זיין טריבונע. דאָרט האָט ער זיך פריי געקאָנט אַרויסזאָגן וואָס עס האָט אים געקוועלט, און וואָס ער האָט געפילט צו די יידישע שרייבער זיינע קאָלעגן... י. מ. ניימאַן, מיטאַרבעטער פון היינט האָט אין זיינער אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די זאַמלביכער גע־שריבן: „די זאַמלביכער פון די אומצופרידענע". דער דאָזיקער עפּיטעט איז געווען אַ ריכטיקער און אַ צוגעפּאַסטער, פון אומ־צופרידנקייט קעגן דעם ווילקיר וואָס האָט לויט זיין מיינונג גע־הערשט צווישן שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז אַזוי אַרום אָנגעגאַנגען אַ שטילע מלחמה אין דער שרייבערישער סביבה צווישן ווייסענבערגן און זיינע קאָלעגן.

נאָכן דערשיינען פון אַ געוויסער צאָל זאַמלביכער איז ווייסענבערג, צוליב מאַנגל אין פינאַנסן, געווען געצוואונגען אָפּצו־שטעלן די אויסגאַבע. אָבער דעם קאַמף זיינעם האָט ער ניט אויפ־געגעבן. אַ גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָבן אים אַלעמאָל אַרומ־גערינגלט, האָבן אים באַאיינפלוסט אַרויסצוגעבן שמעון האָראָנ־טשיקס ערשט בוך פאַרפלאָנטערטע וועגן. י. מ. ווייסענבערג האָט אין דעם דאָזיקן בוך געהאַט אַ פאָרוואָרט וועגן דעם וואַרשעווער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין. דאָס פאָרוואָרט האָט אגב אַרויסגערופן אַ שטיקל ליטעראַרישן סקאַנדאַל.

ווייסענבערגס קאַמף האָט ניט געטראָגן קיין פּערזענלעכן כאַ־ראַקטער. ער האָט ניט געזוכט קיין באַלוינונג פאַר זיינע קריוודעס. ער האָט געוואָלט געפינען אָנערקענונג פאַר נייע יונגע טאַלאַנטן.

אַ לענגערע צייט איז ער אַרומגעפאָרן צוזאַמען מיט ד"ר י. ב. צפּור איבער שטעט און שטעטלעך און געהאַלטן לעקציעס. ד"ר צפּור (אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשישע נאַציס אים אומגעבראַכט אין בעלגיע) איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך בילדונג און אינטעליגענץ. ער האָט אַרויסגעגעבן עט־לעכע דראַמאַטישע פּאָעמעס: די שכינה אין גלות, גלות בבל, אַ דראַמע אסתרקע און נאָך אַנדערע.

ווייסענבערגס טענה איז געווען, אַז אין דער יידישער ליטע־ראַטור האָבן זיך באַזעצט אויבן־אָן אַ צאָל געציילטע שרייבער, וועל־כע לאָזן ניט צו קיין נייע טאַלאַנטן און שטערן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. כדי צו באַווייזן ווי אויפ־ריכטיק ער איז מיט זיינע טענות האָט ער ביי די שווערסטע באַ־

דיגגונגען אַחוץ שמעון האָראָנטשיקן אַרויסגעפירט עוזר וואַרשאַוו־סקין מיט זיין בוך שמוגלאַרס, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער יידישער ליטעראַטור, דעם יונגן טאַלאַנטפולן דיכטער פּאַפּיערניקאָוו און אַ גאַנצע ריי אַנדערע.

אין זיין סביבה האָט אַלעמאָל געהערשט אַן אינטימע פאַלקס־טימלעכקייט און חברישקייט. אַפילו מיטן אָרעמען ביסן ברויט האָט ער זיך געטיילט. ווייסענבערג האָט תמיד געלעבט אַן אָרעם לעבן, געליטן דחקות און ברויט. דאָס האָט מען געקאָנט זען אויף זיין אייביק מידן פּנים און זיינע אָפּגעטראָגענע מלבושים. אָבער ער, דער שטאָלצער ווייסענבערג, האָט דאָס קיינעם ניט געוואָלט געבן צופיל צו דערקענען. ער איז זיך געגאַנגען אַן אַ זייט, אָפּגעזונדערט פון זיינע קאָלעגן, ווי אַ באַליידיקטער און אַ ברוגזער.

עס איז אָבער ווערט צו באַמערקן, אַז ווייסענבערג האָט אין זיינע דערציילונגען אַריינגעפירט די אָרעמסטע פון די אָרעמע און אַרבעטער־עלעמענטן וועלכע ער האָט געשילדערט מיט טיפער פאַרשטענדעניש.

עס איז שווער צו זאָגן אויף וויפל ווייסענבערג איז באמת גע־ווען גערעכט מיט זיינע טענות קעגן די טאָנגעבער פון דער יידי־שער ליטעראַטור. עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז זיין גרויסע אומצופרידנקייט האָט געהאַט ממשותדיקע סיבות.

וואָס עס זאָל ניט זיין געווען, מוז מען צוגעבן אַז איטשע מאיר ווייסענבערג איז אַנערקענט געוואָרן פון אַלע צדדים פאַר אַ גרויסן טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער און קעמפער.

דער פֿאַרגעסענער אַלעקסאַנדער גראַנאַך

(„אַט גייט אַ מענטש" פֿון אַלעקסאַנדער גראַנאַך)

אַז מען לייענט אַדורך אַלעקסאַנדער גראַנאַכס „אַט גייט אַ מענטש" (איבערגעזעצט פֿון דייטש פֿון יעקב מעסטל), ווערט מען געוואויר, אַז גראַנאַך איז ניט נאָר געווען אַ באַגאַבטער שוישפּילער נאָר אויך אַ טאַלאַנטפֿולער שרייבער. מ׳דאַרף ניט אָנשרייבן צענדליגער ביכער כּדי צו זיין אַ גוטער שרייבער, מיט איין בוך קאָן אויך געלייגט ווערן דער זיגל, און דאָס האָט טאַקע באַוויזן אַ. גראַנאַך מיט זיין בוך „אַט גייט אַ מענטש". עס איז צו באַדויערן וואָס ער האָט זיך אַזוי פּריציייטיק געשיידט מיט דער וועלט, אַזוי פּלוצעם אַוועק און נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן זיינע וואונדערבאַרע זכרונות, זיין צווייט בוך וואָס ער האָט געפּלאַנט.

אַ. גראַנאַך שילדערט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע די סאַמע פֿרי־סטע צייט פֿון זיין קינדהייט, וואָס איז געווען אַזוי האַרט און אָרעם. געבוירן אין מזרח־גאַליציע, לעבט ער אין שווערער נויט. זיינע על־טערן זיינען געווען באַוואָרפֿן מיט אַ סך קינדער. ער איז געווען דאָס אַכטע. ער האָט געהאַט אַ שווער לעבן. פֿון זיין גרויסער האַרעוואַניע האָט ער קוים געהאַט די נשמה צו דערהאַלטן. ביי גראַנאַכן, דעם מענטשן פֿול מיט לעבן און געוואַלדיקער ענערגיע, ווערט דער גרעסטער אומעט געשילדערט מיט הומאָר. אין אַ סביבה פֿון אומ־וויסן און נויט, ווייט פֿון שטאָט, אָן אַ קולטור־געזעלשאַפֿט, האָט ער מיט אייגענע כּוחות דערוואָרבן זיך אַ הויכע קולטור. גראַנאַך שיל־דערט עס מיט גרויסער אויפֿריכטיקייט און שאַרפֿקייט. עס איז פּשוט צו שטוינען מיט וואָס פֿאַר אַ שוועריקייטן אים איז אָנגעקומען זיך צו ראַנגלען כּדי אויסצוקעמפֿן פֿאַר זיך אַ פּאָזיציע אין לעבן.

צו אַכט יאָר איז ער שוין געווען אַ בעקער און געאַרבעט אַכצן שעה אַ מעת־לעת. פֿון דער אַרבעט האָט ער באַקומען קרומע פֿיס. פֿאַרשיידענע געפֿאַרן איז ער דורכגעגאַנגען בעת ער איז אַוועק פֿון דער היים און געלאָזט זיך אין דער וועלט אַריין זוכן מזל. מיט אויס־סערגעוויינלעכן טאַלאַנט שילדערט ער זיין בעקער־בעל־הבית, אַ פֿאַרהייראַטער צו אַ צווייטער פֿרוי, וואָס באַהאַנדלט שלעכט די שטיפֿקינדער. גראַנאַך הייסט דעם בעקערס זון, וואָס איז געווען זיין חבר, אָפּטאָן פֿאַרשיידענע שפּיצלעך דער שטיפֿמוטער. איינמאָל האָבן זיי אָפּגעטאָן אַזעלכע זאַכן, אַז זיי האָבן געמוזט מאַכן אַ ויברח.

מיט אַ סך ליבע און כּבוד דערמאָנט ער זיין מלמד הערשל און אויך די קלוגע רייד פון זיין פאָטער, וועלכע זיינען אים שפּעטער אין זיין וואַנדער צו ניץ געקומען. ווי אַזוי ער האָט פאַר גרויס נויט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ שאַנד־הויז און פאַר די „פריילײנס״ אַנאַלפאַ־בעטינס געשריבן בריוו און פאַר דעם באַקומען עקסטראַ באַצאָלט.

די באַראָן דע הירש־שולע האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו מאַכן די ערשטע טריט. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען צו נעכ־טיקן אונטערן פרייען הימל, אָבער דער דראַנג און ווילן עפּעס צו דערגרייכן האָט איבערגעשטיגן אַלע שוועריקייטן.

ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, האָט ער גלייך זיין צוקונפט אַנגעצייכנט און אין זיך געטראַכט: אַז דאָס איז עס צו וואָס ער שטרעבט. אין בערלין באַגעגנט ער זיך מיט אַ יידישער אַמאַטאָרן־טרופּע, און ער שליסט זיך צו איר גלייך אָן. ביי די ערשטע פּראָבעס האָט מען שוין געזען אַז מען האָט פאַר זיך אַ גרויסן טאַלאַנט. ער האָט דורך דער אַמאַטאָרן־טרופּע געקראָגן די געלעגנהייט זיך צו באַקאַנען מיט די גרעסטע דייטשע שוישפּילער און דירעקטאָרן. יעגע האָבן אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין דער דייי־טשער שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט אַ סך געלייענט און מיט זיין גאַנצער ענערגיע זיך פאַרטיפט אין די בעסטע ווערק. כאָטש ער האָט צו דער אייגענער צייט זייער שווער געאַרבעט ביים פאַרבן טויטן־קאַסטנס. ביי אָט דער אַרבעט האָט ער זיך גאַנץ אָפט אָפּגע־ברענט די הענט, אָבי צו פאַרדינען אויף אַן אָרעם שטיקל ברויט.

ער האָט אַ סך געלייענט — הויפּטמאַנען, קראָפּאָטקינען, דאָס־טאָיעווסקין, גאָרקין, שלום־עליכמען, סטרינדבערגן אאַז״וו. קיין זאַך איז אים ניט געווען צו שווער, קיין זאַך איז אים ניט געשטאַ־נען אין וועג כּדי צו דערגרייכן פאַר זיך די באַשלאָסענע קאַריערע. גאַנץ אָפט איז עס געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, אָבער ביי גראַנאַכן דעם ברוויונדיקן מענטשן, מיט זיין איינגעבוירענעם טאַ־לאַנט, איז סתּם אַ לעבן אָן דערגרייכונגען קיין לעבן ניט געווען. כּדי צו קאָנען זיין אַ דערפאָלגרייכער שוישפּילער, האָט ער זיך גע־לאָזן זיינע קרומע פיס אָפּערירן, כאָטש די דאָקטוירים האָבן אים פאַר זיין לעבן ניט גאַראַנטירט. מיט אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט פון אַ געניטן שרייבער־פּסיכאָלאָג שילדערט ער זיין אָפּעראַציע, די איבערלעבונגען זיינען פול מיט פּיין. אָבער די האָפענונג צו באַ־קומען גלייכע פיס, האָט אים געגעבן אַ סך מוט דאָס איבערצו־

טראָגן. ער האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ ביקס אונטערן קישן, אויב זיינע פיס וועלן בלייבן קרום...

די אַלע שילדערונגען לאָזן איבער אַ טיפן איינדרוק און איינ־פלוס אויף דעם לייענער און מען ווערט פון זיי שטאַרק באַווירקט. פון זיין שטאַרקן ווילן און קוראַזש מוז יעדער איינער באַקומען מוט, זיין שטאַרקער כאַראַקטער ווייזט ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף אין לעבן דורכלייגן זיין וועג וועלכן ער האָט זיך אויסגעקליבן.

ביי גראַנאַכן איז טעאַטער־שפּילן נישט געווען סתם פאַרוויילונג. ביי אים איז טעאַטער־שפּילן געווען אַרויסווייזן אַלע מענטשלעכע עוולות און ליידן. ווייל אַ מענטש, האָט ער געזאָגט, האָט אַ קורצן זכרון און פאַרגעסט שנעל אַלע אַדורכגעלעבטע אומרעכטן, דאַרף מען עס אים דערמאָנען דורך טעאַטער. זיין ליבלינג־ראָלע איז גע־ווען שיילאָק. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל רעציטירט די ראָלע, האָבן זיך טרערן געגאָסן פון זיינע אויגן פאַר גרויס עקסטאַז. די אַנוועזנדיקע זיינען געווען איבעררעאַשט פון זיין ערשטער פּראָבע ביי שיילאָק. סיי ווי אַ מענטש, און סיי ווי אַ ייד האָבן אים תמיד די ווערטער באַגלייט: „אַז איר שלאָגט אונדז, טוט אונדז ניט וויי? אַז מען קיצלט אונדז, לאַכן מיר נישט? אַז מען סמט אונדז שטאַרבן מיר נישט?"

צווישן די אַלע שוועריקייטן זיינען באַ גראַנאַכן געווען אַ סך גליקלעכע מינוטן, ער האָט זיך געלערנט ביי די בעסטע פּראָפעסאָרן און רעזשיסאָרן. ער איז געווען איינער צווישן הונדערט סטודענטן וואָס האָט פאַר זיין לערנען אין דער דראַמאַטישער שולע ניט גע־צאָלט. אָבער איידער ער האָט נאָך עפּעס דערגרייכט איז שוין אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און ער האָט געמוזט גיין פאַר אַ סאָלדאַט אויפן פראָנט. מיט אַ סך לעבעדיקייט שילדערט ער ווי אַזוי ער איז געווען געפאַנגען אין איטאַליע און ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פויער וואָס ברענגט מילך יעדן פרי־מאָרגן אין לאַגער. אַזוי אַרום האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון לאַגער פון זיין געפאַנגענשאַפט און מיט גרויסע שוועריקייטן צוריק אָנגעקומען קיין עסטרייך.

אַלץ איז אַזוי אינהאַלטסרייך און לעבעדיק געשילדערט, דאָס קלעטערן אויף די בערג, וואו ער איז געווען אין גרויס סכנה. יע־דער וואָרט, יעדע שורה זאָגט עפּעס און וועקט צו מעשים, און ביי די ערגסטע און שווערסטע מאָמענטן איז ניטאָ קיין טראָפּן יאוש, דער מינדסטער צווייפל. אומעטום מיט פעסטקייט גייט דער מענטש גראַנאַך אַלץ ווייטער און ווייטער. אומעטום רוקט זיך אַרויס אין

פאָדערגרונט דער דראַנג נאָך מענטשלעכער גערעכטיקייט. וועגן מלחמה זאָגט ער אַזוי: „אַז צוויי מענטשן פּאַטשן זיך, גיט מען אַן אין געריכט כדי זיך אויסצוגלייכן. אַזוי דאַרף זיין אַז מיניסטאָרן קריגן זיך און קאָנען צווישן זיך ניט אַדורכקומען, — זאָל מען פאַר זיי אויך באַשטימען אַ געריכט און ניט אַרויסגעבן באַפעלן צו מאַסן־מאָרד וואָס מען רופט אַן מלחמה...״ ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט ער די קלוגע רייד פון רבי שימעלע מעלניצער און אויך זיין פאַטערס רייד, וועלכע האָבן אים געוויזן דעם וועג צו גערעכטיקייט און אים געפירט צו די ערשטע טריט פון מענטשלעכקייט — זייערע ליבע, קלוגע רייד זיינען אים תמיד בייגעשטאַנען.

גראַנאַכס טעאַטער־שפּילן איז אַלעמאָל געווען פאַרבונדן מיט דעם וועג צו גערעכטיקייט. אין 1932 איז ער געווען אויף אַ טעאַטער־טור אין וואַרשע. זעכציק מאָל האָט ער געשפּילט פּראָפעסאָר מאַמלאָק. ער האָט מיט זיין איינפלוס געווירקט אויפן דראַמאַטורג און דיכטער. דער שרייבער און דראַמאַטורג אַלטער קאַציזנע (אומגעקומען פון די דייטשע מערדער) האָט ספּעציעל פאַר אים אָנגעשריבן אַ פּיעסע, שלום שוואַרצבאַרד. ווען די צענזור האָט עס ניט געלאָזט אויפפירן אונטער דעם נאָמען אין וואַרשע, האָט ער עס אָנגערופן: וועלט־געוויסן און עס אויפגעפירט אין לאָדזש. ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט זיך מיר דער באַוואוסטער און גרויסער שרייבער, דענקער, ראָמען ראָלאַן פון פראַנקרייך. דער פאַרשטאָרבענער ראָלאַן האָט אין זיינע עסייען „איך וועל ניט רוען״ זיך שטאַרק באַקלאָגט אַז ביי אים ליגן דראַמעס, וועלכע דאַרפן ווייזן דער וועלט איר רעכט און אומרעכט, און עס איז ניטאָ קיין טעאַטער פאַר זיי.

ווי אַזוי גראַנאַך איז געווען אומדערשראָקן קאָן מען זען פון דער געשיכטע פון חומש וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבין, אַז משה רבנו האָט געהייסן די יידן זאָלן זיך אויסגראָבן גריבער און ניט פרעגן פאַרוואָס זיינען די דריי־פערטל פון די האַלבע, און פערטל־און אַכטל־פּחדנים קנעכטישע נשמות געבליבן ליגן טויט, און די שטאַרקע און גלייביקע זיינען געבליבן לעבן, און מיט מאָראַלישע כוחות וועלן זיי דערלעבן צו גיין אין לאַנד כנען.

גראַנאַך האָט געשפּילט אַ סך וויכטיקע ראָלעס: מעפיסטאָ, פאַוסט, שיילאָק א״אנד. אַזוי איז געווען רייך און פילפאַרביק און מיט אַ סך פרייד דאָס לעבן פון אָרעמען בעקער־יינגל אַלעקסאַנדער גראַנאַך. מיט אויסערגעוויינלעכער עמאָציע שילדערט ער די צונויפטרעפונג מיט פאַרשיידענע שוישפּילער. דאָס אָנגאַזשירן אים אין ריינ־

האַרדטס טעאַטער, נאָך דער ערשטער פּראָבע פון שיילאָק, און ווי אַזוי דער געהילף־רעזשיסער האָט אים אַ זאָג געטאָן, ניט וויסנ־דיק אַז ער איז אַ ייִד: „מיר ווילן די ייִדן געבן אַ פּאַטש אין פּנים מיט שיילאָק״. גראַנאַך, ניט קוקנדיק אויף קיין זאַך, האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט פון שפּילן. אויף דער פראַגע צי ער איז אַ ייִד, האָט ער מיט שטאָלץ געענטפערט: „ יאָ, איך בין אַ ייִד״. עס האָט גע־קאָסט אַ סך מי, ביז ער האָט זיך געלאָזט איבערבעטן.

עס איז זייער כאַראַקטעריסיש ווי ער שילדערט דעם צונויפ־טרעף מיט עליזאַבעט רעינער. אַ קלאָרער הויכער דענקער־שטערן פון וואַנען עס ווייעט מיט רו, אַ פול האַלב־קיילעכדיק מיילעכל ווי אַ האַלבע לבנה, און אין אירע גרויסע אויגן אַ שטיפערישער גלאַנץ, וואָס איז געמישט מיט לייכטזין און אומעט, ווי אַ שמייכל און ליוב־געזאַנג פון אַ פרומען וואָס האַלט אין געגעזן ווערן. זי האָט אים דערמאָנט אין זיין רבקהלען, זיין ערשטע געליבטע, ווען ער איז קוים צוועלף יאָר אַלט געווען. ער האָט אָנגערופן עליזאַבעט רעינער דאָס וואונדערלעכע שעקספּיר־קינד. עס זיינען נאָך פּאַראַ־נען צענדלינגער בילדער וועלכע זיינען אין דעם בוך אָטעם־פאַר־כאַפּנדיק. מען מוז דאָס בוך לייענען כדי צו האָבן אַ באַגריף פון אַ. גראַנאַך דעם שוישפּילער און אַ. גראַנאַך דעם מענטש.

מיט אַ סך ליבשאַפט שרייבט ער וועגן זיין שטעטל האָראָדענקאָ: „דו מיין היימיש שטעטעלע, דו מיין היימישער הימל, דו מיין היי־מישע ערד און מיין היימיש־ראַזאָווע ברויט. ווינטער זיך געגליטשט אין די צעריסענע שטיוועלעך, זומער געגנבעט אויבסט אין פרעמדע גערטנער; אַלע קינדער גנבענען אויבסט, זאָגט דער גרויסער שריי־בער סטרינדבערג. געגאַנגען אין תּלמוד־תּורה, געלערנט אין באַראָן דע הירש־שולע. איך ווייס אַז דיינע קינדער טראָגן אין זייערע הערצער אַ גרויסע בענקשאַפט״.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, קוים אַ געראַטעוועטער, זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק האָט ער זיך געפילט איינ־זאַם און פאַרלוירן און דערשלאָגן. מען האָט אים נישט אויפגענומען אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרדינט, און קיין טעאַטער וואו צו שפּילן האָט ער אויך ניט געהאַט. אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי פלוצלינג אַוועק פון דער וועלט און ניט פאַרענדיקט זיין ווערק וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אין נאָך אַ באַנד. מיר וואָלטן זיכער אַ סך גע־וואָר געוואָרן און זיך דערוואוסט וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען אין דער אייביקער אייביקייט אַריין.

ראָמען ראָלאַן (1944—1866)

(אַ קורצער איבערבליק)

ראָמען ראָלאַן, שרייבער, דענקער און פרייהייטס־קעמפער איז אין 1944, אין עלטער פון 77 יאָר, געשטאָרבן אין אַ קליין שטעטל אין דער שווייץ. אַן איינזאַמער, אַ צעבראָכענער, אַן אַנטוישטער, איז ער אַוועק פון דער וועלט.

ראָמען ראָלאַן איז געבוירן געוואָרן דעם 29סטן יאַנואַר 1866, אין דעם שטעטל קלעמאַנס, פראַנקרייך. די משפחה ראָלאַן איז דאָרט געווען איינגעוואָרצלט און מיוחסדיק. דער פאָטער איז געווען אַ נאָ־טאַר, די מוטער אַן ערנסטע פרומע פרוי. ראָמען האָט געהאַט צוויי שוועסטערלעך. נאָך דעם טראַגישן טויט פון איין שוועסטערל, האָט די מוטער זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון ראָמען און זיין שוועסטערל. זי האָט זיי געלערנט שפּילן פּיאַנאָ, זיי דער־ציילט מעשיות, געלייענט פאַר זיי. פון פאָטערס צד איז ראָלאַן גע־געווען אַ רעוואָלוציאָנער, ער האָט עס אין זיך געטראָגן אינעם בלוט פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

דער ערשטער גרויסער נשמה־אַנזאָג פאַר ראָמענען איז געווען מוזיק. דאָס איז געווען פאַר אים אַן איבערגעווינלעכע וועלט פון געפיל און אויפבריז, וואָס האָט פון זיין פריסטער יוגנט אָן אים אַרומגענומען פון אַלעם וואָס איז געווען רעכט און אומרעכט. די על־טערן האָבן אים געשיקט אין ליציאום פון לודוויק דעם גרויסן. ער האָט דאָרט באַקומען אַ קלאַסיש־נאַציאָנאַלע בילדונג, אָבער זיינע אמתע איבערלעבונגען האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דעם. ער איז פון זיין פריסטער יוגנט אָן באַגייסטערט געוואָרן פון לעבעדיקער דיכטונג.

די שול־יאָרן זיינען פרי אַדורכגעלאָפן אָן באַזונדערע פריידן. דער פלוצעמדיקער איבערגאַנג פון דער ראָמאַנטישער היים צום דיסציפּלינירטן לעבן פון ליצייאום האָט אויף אים זייער שטאַרק געווירקט. ער האָט געזען בלויז גלייכגילטיקייט צום קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן. זיין גרעסטע בענקשאַפט האָט ער אויסגעגאָסן אויף די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ. ער האָט גאָר גערעכנט צו ווערן אַ מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָר. זיינע עלטערן האָבן ניט מסכים געווען מיט זיינע צו פריע פאַרלאַנגען און האָבן געוואָלט פאַר אים אַ פראַקטישע צוקונפט. זיי האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל באַזוכן די פּאָליטעכנישע שולע. לסוף איז געקומען צו אַ גליקלעכער פשרה: מ'האָט אויסגע־

קליבן פאַר אים אַ צוקונפט פון גייסט און וויסנשאַפט. צוליב זיין לערע האָבן זיך זיינע עלטערן איבערגעקליבן קיין פּאַריז, וואו ראָ־מען זאָל זיך קאָנען בעסער אַנטוויקלען אין דער גרויסער שטאָט. דער פאָטער האָט צוליב אים אויפגעגעבן זיין לאַנג־איינגעזעסענעם פּאָסטן, און אָנגענומען אַ פּיל קלענערן אין אַ באַנק. אין דער גרוי־סער שטאָט האָט זיך ראָמען געפילט נאָך ערגער. דאָ האָט ער ערשט דערזען ווי אומערלעך דער גאַנצער גאַנג פון לעבן איז. פריער האָט ער געהאַט אַ נייגונג צו פילאָזאָפיע, געלייענט שפּינאָזאָן און אַנדע־רע פילאָזאָפן, שפּעטער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט אין געאָ־גראַפיע און געשיכטע. זעלטן אַ דיכטער זאָל פאַרמאָגן אַזאַ אַלזיי־טיקן וויסן ווי ראָמען ראָלאַן האָט פאַרמאָגט.

ווען ער האָט געענדיקט דעם ליצייאום האָט זיך ווידער גע־שטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער? ער האָט באַלד געחלומט וועגן אַ גרויסן ראָמאַן פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס זיין לעבן ווערט צע־בראָכן. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער עס פאַרווירקלעכט אין דעם גרויסן אומשטערבלעכן ראָמאַן „זשאַן קריסטאָף".

ער פילט אַז די טיפסטע חלומות זיינע זיינען נאָך ניט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן — אַז די ליידנשאַפט צו מוזיק און דיכטונג איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, זיין בענקשאַפט איז געווען צו געהערן צו די, וועלכע קאָנען באַווירקן די מענטשלעכע נשמה מיט זייער וואָרט אָדער מעלאָדיע. זיין אַ שעפער, אַ בעל־חלומות, דאָס איז געווען זיין העכסטער פאַרלאַנג, אָבער דאָס פּראַקטישע לעבן האָט גאַנץ אַנדערע פאַרלאַנגען — אַנשטאָט פרייהייט פאָדערט עס דיסציפּלין.

אַ צייט איז דער 22־יאָריקער ראָלאַן געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון ניט־קאָנען אָננעמען קיין ענדגילטיקן באַשלוס, אָבער באַלד איז געקומען צו אים אַן אָנזאָג פון ווייטנס, אַ שליחות פון אַ באַליבטער האַנט: אין דעם באַרימטן שרייבער און דענקער לעוו טאָלסטאָי זעט ער אַ פירער, אַ סימבאָל פון אמת.

אין יענער צייט האָט טאָלסטאָי אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור, וואָס האָט געשראָקן גאַנץ אייראָפּע. די בראָשור איז געווען אַן אַנטשיי־דונג פאַר ראָלאַנס גאַנצן לעבן. טאָלסטאָי איז פאַר ראָלאַנען גע־ווען דער מאָראַלישער פירער פון זיין צייט.

פאַר ראָלאַנען איז מוזיק געווען אַזוי נייטיק ווי ברויט. טאָל־סטאָי האָט ניט געהאַלטן פון מוזיק. ער האָט געזאָגט — מוזיק טרייבט דעם מענטשן צו עראָטיק.

ראָלאַן איז געווען דערשיטערט פון טאָלסטאָיס מיינונג. ער האָט

זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו טאָלסטאָיען אין ווייטן רוסלאַנד. ער האָט ניט צו באַקומען אַן ענטפער. ער שרייבט צו טאָלסטאָיען וועגן זיינע ספקות. ער האָט אָבער יאָ דערהאַלטן אַן ענטפער — אַ בריוו פון 38 זייטן. טאָלסטאָי איז באַגייסטערט פון ראָלאַנס בריוו און שרייבט אים: „ניט די קונסט איז דאָס וויכ־טיקסטע — וויכטיק איז די ליבע צו דער מענטשהייט. נאָר דער וואָס איז פול מיט מענטשן־ליבע קאָן עפּעס אויפטאָן״. טאָלסטאָיס בריוו האָט אַנטשידן ראָלאַנס גורל. ווי דער גורל פון אַלע גרויסע קינסטלער, איז ראָלאַן אַ לאַנגע צייט ניט אָנערקענט געוואָרן. ער איז פשוט באַקעמפט געוואָרן. אין זיין געניאַל ווערק „זשאַן קריס־טאָף״ האָט ראָלאַן געגעבן אַ מוסטער און געפּרואווט באַווייזן ווי צוויי לענדער, דייטשלאַנד און פראַנקרייך, דאַרפן זיך פאַראייניקן. ראָלאַן זעט אַז דייטשלאַנד איז ניט קיין פּראָדוקטיווער עלעמענט פאַר איראָפּע — תמיד קריגעריש געשטימט. ער ברענגט אַרויס אין זיין „זשאַן קריסטאָף״ צוויי הויפּט־טיפּן: איינעם אַ דייטש, דאָס איז דער מוזיקער זשאַן־קריסטאָף און זיין חבר אָליוויער — אַ פראַנ־צויז. ער האָט געוויזן ווי די צוויי האָבן זיך געקאָנט פאַראייניקן, און מיט דעם האָט ער געמיינט בײדע לענדער. דאָס בוך איז פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער אידעע. די דאָזיקע השפּעה דאַרף זיין אַ סימבאָל פאַר בײדע פעלקער, זיי דאַרפן זיך פאַראייניקן ווי צוויי ברידער־נאַציעס, כדי דער איראָפּעאישער גייסט זאָל זיך מיט זיי פריי אויפהייבן איבער דער בלוטיקער פאַרגאַנגענהייט.

ראָלאַן זאָגט: עס איז שרעקלעך צו לעבן צווישן אַ משוגענער מענטשהייט און אוממעכטיק זיך צוקוקן צו דעם חורבן פון דער ציוויליזאַציע. מלחמה איז די גרעסטע קאַטאַסטראָפע זינט הונדער־טער יאָרן. עס ווערט אַ תל פון אונדזערע טייערסטע האָפענונגען פאַר אַ מענטשלעכער פאַרברידערונג. „מיין פיין, זאָגט ער, איז ווי אַ צו־נויפגעפּרעסטע מאַסע פון יסורים און איך קאָן מער ניט אָטעמען״. פאַר זיינע הויכקינסטלערישע ווערק איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער שלום־נאָבעל־פּריז. ער האָט פון דער סומע קיין איין פראַנק פאַר זיך ניט גענומען. ער האָט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר די ליידנדיקע.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ראָלאַן איז אַלט גע־ווען 50 יאָר, איז ער שוין געווען גאַנץ באַרימט, אָבער קיין רו אין זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט געפינען. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט. אין יענער צייט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג עסייען, בריוו און אַרטיקלען מיט דעם נאָ־

מען „איך וועל ניט רוען!” ער האָט גערעדט צום געוויסן פון דער מענטשהייט און גערופן צו גערעכטיקייט קעגן מלחמות. ער האָט געזאָגט: „פּאַטערלאַנד איז דאָס געשיקטסטע וואָרט וואָס איז מוחל אַלע פאַרברעכנס”. דאָס דאָזיקע פאַראורטיילט ניט קיין פאָלק צו אונטערגאַנג; דער אמתער העלד פון דער דראַמע איז ניט אַפריקע אָדער אַזיע, נאָר אייראָפּע. — איך האָב ניט קיין אַנדערע היים ווי די מענטשהייט, זאָגט ראָלאַן; מיין היים איז אומעטום, דאָס ערשטע פראַנקרייך, דערנאָך די גאַנצע וועלט.

ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל סאָציאַלע דראַמעס: דער זיג פון פּאַרשטאַנד, וועלף, שפּיל פון לעבן און טויט און נאָך אַנ־דערע. אין די דראַמעס האָט ער געוואָלט באַווייזן ווי אַזוי עס דאַרף זיין דאָס מענטשלעכע לעבן, ווי אַזוי עס דאַרף זיין די באַציאונג פון דער מלוכה צום מענטש, און פון מענטש צו דער מלוכה. די אַלע דראַמעס זיינען פאַרמשפט געוואָרן צו גלייכגילטיקייט, ווייל ראָלאַנס פּראָבלעם איז געווען אַ ריין מענטשלעכער, אַ פּאָליטיש־אידעאַלער און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער.

די פינצטערע בלוטדורשטיקע כוחות זאָגן: מען זאָל בעסער דינען דעם פּאַטערלאַנד איידער דער גערעכטיקייט. מען דאַרף זיך ניט צוהערן צום געוויסן, נאָר צום באַפעל. ראָלאַנס דראַמעס גייען פאַראויס פאַר זיין דור, און דאָס איז זייער טראַגיק. מלחמה, זאָגט ער, איז אַזאַ ברוטאַליטעט ווי עס וואָלט געווען אַ מאַסן־שיגעון — פון ברידער צו ברידער. ער וויל אַ פריי ברידער־פאָלק. אַן אידעאַל האָט נאָר דעמאָלט אַ נשמה ווען ער פאַראייניקט זיך אין איין מאַ־מענט פון גלויבן... ראָלאַן וויל אויסלייזן די וועלט דורך זיין באַ־גייסטערונג. העלדן זיינען ניט די וועלכע האָבן מנצח געווען דורך זיין באַגייסטערונג. העלדן זיינען ניט די וועלכע האָבן מנצח געווען דורך מאַכט. עס איז בעסער שווייגן, זאָגט ער, ווי ווערן אַ שליח פון פחדנותדיקן אידעאַליזם.

אין 1915, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ראָלאַן גע־זעסן צוויי יאָר אין אַ קליין הילצערן שטיבל און געבענטשט צווישן טויזנטער און טויזנטער אַנגעקומענע בריוו דורכן רויטן קרייץ פון אומגליקלעכע מלחמה־קרבנות. ער האָט ניט געלייגט קיין געוויכט אויף זיין צייט און געזונט. עס קאָן זיין אַז יחידים ווייסן נאָך ניט ביז היינט אַז דאָס האָט צו זיי געשריבן דער גרויסער מענטש, קינסט־לער און דענקער ראָמען ראָלאַן. ער האָט געוואָלט כאָטש מיט אַ בריוו טרייסטן די וואָס ליידן מער פון אַלעמען און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. ער האָט אויך געשריבן אַ סך בריוו צו קינסט־

לער, קולטור־טוער, פּראָטעסטירט מיט זיין גאַנצן כּוח קעגן גערהאַרד הויפּטמאַן, דעם דייטשן שרייבער, מחבר פון וועבער (שפּעטער גע־וואָרן אַ סימפּאַטיקער פון נאַצי־דייטשלאַנד). ער שרייבט צו הויפּט־מאַנען: „זייט איר דאָס אייניקל פון געטע אָדער אַטילאַ? אין נאָ־מען פון דער ציוויליזאַציע, אין נאָמען פון דייטשן פאָלקס־כּבוד באַשווער איך אייך, הויפּטמאַן, איך פאָדער אייך אויף צו פּראָטעס־טירן מיט דער גאַנצער ענערגיע און ניט באַטראַכטן די מלחמה פאַר אַ פאַטום".

אויך צו דער יוגנט שרייבט ער בריוו וועלכע האָבן אַרויסגע־רופן אַ סך שטורעם. ער שרייבט — „העראָאישע יוגנט פון דער וועלט, מיט וויפל פאַרשווענדערישקייט גיט איר אַוועק אייער בלוט דער הונגעריקער ערד, וויפל וואונדערלעכע קרבנות וועט די זון פון דעם דאָזיקן זומער אָפּרוימען?" ער באַקעמפט מיט דער גרעס־טער ענערגיע די אידעאָלאָגיע פון מלחמה. אָבער יעדער וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם קאָלעקטיוון האָס איז געוואָרן אַ פאַר־רעטער פון פאָטערלאַנד. די מלחמה־צינדער האָבן אין זייערע הענט די גאַנצע מאַכט און שרייען אויס דעם האָס דורך דעם מעגאַפאָן פון זייערע טאָג־צייטונגען!

ראָלאַנען האָט זיך קוים איינגעגעבן אַדורכצושמוגלען דורך דער צענזור עטלעכע שטיקלעך ווערטער און ער איז צוליב זיין קעגנער־שאַפט צו מלחמה איזאָלירט געוואָרן אין דער שווייץ ביי דער אָוע־רע אין אַ קליין שטעטעלע אויף גאַנצע פינף יאָר. אַלע האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט, אַפילו זיינע גרייז־גרויע עלטערן און אויך זיין איינציקע שוועסטער. דאָרט, אין דעם קליינעם הילצערנעם שטיבל, איז געשטאַנען אַ פּשוטער טיש, די שטוב אָנגעלייגט ביז צו דער סטעליע מיט ביכער און בראָשורן. מען האָט באַוואַכט יעדן איי־נעם וואָס איז געקומען צו אים. יעדער בריוו איז איבערגעלייענט געוואָרן, איידער עס איז געקומען אין זיינע הענט אַריין. וועגן יעדן טעלעפאָן־געשפּרעך האָט מען געשיקט מעלדונגען. ער איז דאָרט געזעסן ווי אין אַ תּפיסה, דער גרויסער קינסטלער און פרייהייט־קעמפער. אַפילו זיין שוויגן איז מיט דער צייט געוואָרן פּראָטעסט. דאָרט, אין דעם תּפיסה־שטיבל, האָט ראָלאַן אָנגעשריבן בעיקר אין דער פאָרעם פון אַ טאָגבוך. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער שווייץ האָט ער זיי מורא געהאַט מיטצונעמען.

צום סוף האָט ער געמוזט שוויגן. ער האָט דערפילט אַז עס איז אַן אומזין, עס האָט ניט קיין ווערט צו רעדן צו אַ וועלט וואָס וויל ניט הערן, צו אַ וועלט וואָס איז טויב. עס פעלט אים שוין

אויך דער גלויבן אַז די מענטשהייט שטרעבט צו שכל און אמת, עס איז בלויז אַן אָנשטעל, אַז זי בענקט נאָך פרייהייט. אין דער אמתן וויל זי זיין אָפּגעגעבן, און זי איז גליקלעך אַז זי קאָן זיך באַפרייען פון יעדער גייסטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. גאַנצע פינף יאָר איז ער געשטאַנען קעגן שיגעון פון דער צייט, צום סוף איז איבערגעריסן געוואָרן די פייערדיקע רייף איבער איראָפּעס לייב — וואָפּנשטילשטאַנד! אָבער שינאה בושעוועט ווייטער. מענטשן האָבן אויסגעהרגעט איינער דעם צווייטן: טרויער, נצחון, אומצו־טרוי צום זיגער... טראָץ אַלע אַנטוישונגען אַפּעלירט ער ווייטער צו דער העכסטער אינסטאַנץ, צו דער נשמה פון געמיינזאַמקייט. ער פאַרעפנטלעכט אַ מאַניפעסט אין דער הומאַניטע. עס דאַרף זיין דער דער ערשטער גרונטשטיין פון אַ חרוב־געוואָרענער וועלט צו אַ נייער וועלט. ער נעמט נאָך אַ מאָל צונויף די פאַרגאַנגענהייט און וואָרנט נאָך אַ מאָל וועגן דער צוקונפט.

אויך דער אידעאַל אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַזוי פיל האָפענונג — האָט אים געבראַכט בלויז אַנטוישונג. דער קעמפער פאַר פרייהייט און געוויסן, דער גרויסער קינסטלער און דענקער וועלכער האָט אַדורכגעמאַכט אַזוי פיל אַנטוישונגען אין לעבן בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט נאָך געמוזט מיט זיינע אויגן צוזען דעם חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דעם אומקום פון דער גאַנצער פרייער וועלט. ער איז אַוועק פון דער וועלט אַ טראַ־גיש־צעבראָכענער, אָן האָפענונג פאַר אַ נייער שיינער צוקונפט. אַזוי האָט געלעבט און געקעמפט מיט יסורים דער גרויסער הומאַניסט ראָמען ראָלאַן.

אַז די וועלט וועט דערוואַכן פון אירע קאַטאַסטראָפעס, פון אירע ליידן און יסורים, וועט אפשר ראָמען ראָלאַנס נאָמען אַרויסשיינען איבער דער גאַנצער וועלט ווי דער גרעסטער שטערן פון זיין צייט.

זכרונות
דערציילונגען

מיטן עטאַפּ פון לאָמזשע

משה יחיאלן אין אָנדענק

1922 דעם 10־טן סעפּטעמבער. צוויי־דריי וואָכן פאַר ראש־השנה. עס איז געווען אַ העלער, ליכטיקער פרימאָרגן: דער גאַנצער אָרום האָט אויסגעזען אויסגעלייטערט נאָך דער ערשט ניט־לאַנג פאַרענדיקטער ערשטער וועלט־מלחמה, און מען האָט געמיינט אַז די מלחמה האָט שוין פאַרענדיקט מלחמות אויף אייביק... איך בין אַוועק ווי אַלע אַנדערע פרימאָרגנס צו מיין אַרבעט אין דער קוטנער פּרץ־שולע צו די קינדערלעך וועלכע זענען מיר געווען אַזוי ליב און טייער.

אַריינקומענדיק אין דער שולע איז מיר גלייך אַנטקעגן געקומען דער פאַרוואַלטער ליפּמאַן־צאָמבער (ער איז אויף אַ העלדישן אופן אומגעקומען מיט די קינדער צוזאַמען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע דורך די דייטשע רוצחים, זיך ניט געוואָלט ראַטעווען אָן די קינדער כאָטש ער האָט עס געקאָנט) און פרעגט מיך צי איך האָב געהאַט בריוו פון שאַטאַנען. שאַטאַן האָט דעמאָלט געאַרבעט אין לאָמזשע אַלס פאַרטיי־פונקציאָנער. צאָמבערס פראַגע האָט ביי מיר דעמאָלט אַרויסגערופן אַ ביסל חשד. שוין איבער אַ וואָך ווי איך האָב פון שאַטאַנען גאָרנישט געהערט, איך ענטפער אין שרעק: „שוין איבער אַ וואָך צייט". „גיי אַהיים, זאָגט ער, נעם דאָס בייטיקסטע וואָס דו דאַרפסט און פאָר גלייך קיין וואַרשע. צוויי חברים פון לאָמזשע זענען מיט עטלעכע מינוט פריער דאָ געווען, געוואָר געוואָרן צי שאַטאַן געפינט זיך אין קוטנע, מ'האָט אים מיט אַכט טעג צוריק אַרעסטיר"ט אין לאָמזשע אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, געשלאָסן אין קייטן, אים אַוועקגעשיקט, און מען ווייסט ניט וואוהין. גיי, זאָגט ער, צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע און פרעג זיך אויף חבר נחן און ער וועט דיר אָנווייזן וואָס צו טאָן". איך האָב קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט און אָן אָטעם געלאָפן אַהיים. מיינע עלטערן האָב איך געזאָגט אַז איך פאָר קיין וואַרשע קויפן ביכער פאַר דער שולע.

אויף דער באַן האָבן זיך די מינוטן געצויגן ווי לאַנגע שעהן; יעדע שעה ווי לאַנגע טעג. פאַרשידענע געדאַנקען זענען מיר דורכן קאָפּ אַדורכגעלאָפן, איין געדאַנק טראַגישער פונעם צווייטן, איין שרעק גרעסער פון דער צווייטער. עס איז מסתמא קאָנטיק געווען אויף מיר מיין שווער געמיט, ווייל מיינע שכנים אין וואַגאָן האָבן

ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון מיר. וואַרשע, די ליבע שטאָט, די טייערע שטאָט וואַרשע, וואָס איז מיר אַזוי נאָענט געווען, האָט אין דעם מאָמענט פאַר מיר קיין שום רייץ ניט געהאַט. איך האָב זיך איינגעאָנצן ניט אומגעקוקט וואו איך געפין זיך אין דעם מאָמענט.

אַז די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע בין איך שנעל אַראָפּ און זיך געאיילט אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס, זיך געפרעגט אויפן חבר נח. איך האָב אים גלייך ניט געקאָנט זען און געמוזט אָנגעבן פאַרשידענע סימנים. פון צווייטן צימער האָב איך געהערט שטילע, געמאָסטענע טריט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן פון איבער די פופציקער, אַ ביסל גרוי, אַ פּאָר לאַנגע וואָנצעס און אַ פּאָר קלוגע, ליכטיקע אויגן. איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין און אים איבערגעגעבן מיין בקשה. „לײדער קאָן איך פאַר אייך גאָרנישט טאָן" האָט ער געזאָגט מיט אַ דעצידירנדיקער שטימע. „איך און אַלע חברים, זייענדיק אונטער פאַרדאַכט, וועלן דעם מאַן אייערן ברענגען מער שאָדן ווי ניצן. איר אַלס דעם אַרעסטאַנטס פרוי און ניט קיין פּאַרטיי־מענטש האָט איר אומעטום אַ פרייען צו־טריט, גייט אין טורמעס, גייט צום רויטן קרייץ פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, זיי וועלן אייך אין אַלעם אַרויסהעלפן". יעדעס וואָרט וואָס איך האָב געוואָלט אויסריידן איז געווען איבעריק.

איך בין גלייך אַוועק איבער וואַרשעווער טורמעס. אומעטום האָט מען מיך אָנגעקוקט מיט שטרענגן חשד. מען האָט מיר קורץ און שאַרף געענטפערט: „מיר וויסן ניט פון אַזאַ מענטשן". אויך אין רויטן קרייץ פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגע־וויזן ווייניק אינטערעס. בלויז „ניין" איז געווען דער ענטפער — „מיר וויסן ניט". אַ צעבראָכענע בין איך אַוועק צו מיינע פריינט, זיך באַראָטן וואָס ווייטער צו טאָן. ביי מיר איז קיין שום ספק ניט געווען אַז די פּוילישע זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן די מאַכט אין זייערע הענט, אַז זיי האָבן אים ערגעץ פאַרשלעפּט און חלילה דער־הרגעט. אַ סך אַזעלכע פאַלן האָבן זיך אין יענע צייטן געטראָפן אין פּוילן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „איך פאָר קיין לאָמזשע". כאָטש עס איז נאָך געווען עטלעכע שעה ביז די באַן האָט געדאַרפט גיין אין יענער ריכטונג, בין איך גלייך אַוועק אַהין, אויפן באַנהויף קיין פּראַגע. פאַר מיר איז געווען גרינגער צו וואַרטן אויפן באַנהויף ווי אין וואַרשע גופא. די באַן וואָס האָט געדאַרפט גיין פיר שעה פון וואַרשע קיין לאָמזשע האָט זיך ווי אַ מידער וואַנ־דערער געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט, פון 12 ביז 7 פרי.

לאָמזשע האָט אין מײַנע אויגן אויסגעזען אַנדערש ווי די עכטע ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן. עפּעס האָט עס לאָמזשע בײַ מיר אויסגעזען ווי אַ גרויס דאָרף: ברייטע שליאַכן אין דער מיט פון דער שטאָט, דאָ און דאָרט הײַזער, און ווידער אַ שטיק ליידיק פעלד. לויט דעם שטח ניט אַזוי געדיכט באַוואוינט ווי אונדזערע שטעטלעך.

עס איז געווען צו פרי צו גיין אין קאָמיסאַריאַט און אויך צו פרי אַרײַנצוגיין צו דער משפּחה סאָבאָטקע, וואו מײַן מאַן האָט געוואוינט. האָב איך זיך אַזוי אומגעדולדיק שפּאַצירט אין דעם פרימאָרגן און צוגעקומען צום טײַך וואָס הייסט, ווי מיר דוכט זיך, דער נאַרעוו, וואָס ליגט כמעט אין דער מיט פון שטאָט. אַ טומאַן איז געלעגן איבער דעם לאַנגן שמאָלן טײַך און געשמעקט מיט ערב האַרבסט. קוקנדיק אויף דער רואיקייט פון טײַך האָב איך יעדע רגע געקוקט אומרואיק אויף מײַן האַנט־זייגערל און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז די ווייזערס רירן זיך ניט פון אָרט.

9 אַזייגער בין איך צוגעקומען צו דער קאַנצעלאַריע פון טורמע. נאָך לאַנגן בעטן זיך האָט מען מיך באַוויליקט אויפצונעמען. דער נאַטשאַלניק וואָס האָט מיך אויפגענומען, איז געזעסן שטײַף, ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן, אויף זײַן גרויסן שטול. ער האָט מיך שטרענג אָנגעקוקט און מיט גריגשעצונג מיך געפרעגט, וואָס איז מײַן פאַרלאַנג. איך האָב אים געזאָגט מײַן נאָמען און צוגעגעבן אַז איך וויל וויסן וואו מײַן מאַן געפינט זיך. ער האָט מיר שאַרף אַ זאָג געטאָן: „ווען מ׳וועט אים צוריקברענגען קיין לאָמזשע אויף דער אויספאָרשונג וועט איר געוואָר ווערן” און איז גלײַך אַוועק. נאָך אַ מאָל איבערפרעגן איז שוין ניט געווען ווערען. אין אַ שווערער שטימונג בין איך אַוועק צו דער פאַמיליע סאָבאָטקע, זיי האָבן זיך מיט מיר זייער דערפרייט. איך האָב זיי דערציילט אַז כ׳בין געווען אין קאָמיסאַריאַט, און וואָס מען האָט מיר דאָרט געענטפערט. זיי האָבן מיך באַרואיקט און מיר איבערגעגעבן אַז נעכטן זענען חברים געקומען פון ביאַליסטאָק, און אַז הײַנט ברענגט מען שאַטאַנען פון ביאַליסטאָק, וואו ער איז געזעסן אין טורמע עטלעכע וואָכן. פינף אַזייגער בין איך מיט דעם יונגן חבר סאָבאָטקע און נאָך עטלעכע חברים אַוועק צום באַנהויף. מ׳האָט געברענגט שאַטאַנען מיט נאָך אַ חבר געשלאָסן אין קייטן, ווי אַ סיאַמער צווילינג, באַגלייט פון באַוואָפנטע וועכטער. מען האָט זיי גלײַך אַוועקגעפירט אין לאָמזשער טורמע, ניט צוגעלאָזט מיך אַפילו איין וואָרט אויסריידן צו מײַן מאַן, כאָטש כ׳האָב זיי געזאָגט אַז איך בין דעם אַרעסטאַנטס פרוי.

מיט גרויס מי האָב איך אויסגעפּועלט מען זאָל מיר דערלויבן אַריינצוטראָגן עסן. עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און אַלץ אָן ענדערונג. איך בין געוואָרן אומגעדולדיק און האָב אָנגעהויבן ריידן מיט עטלעכע חברים אַז מען מוז זען עפּעס טאָן פאַר שאַטאַנס באַ־פרייאונג. די חברים האָבן מיך געשיקט צו אַ בונדישן ראַטמאַן, און יענער האָט מיר דערקלערט אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע, די באַשולדיקונג איז אַ שווערע, שאַטאַן האָט אָרגאַניזירט אַן עפנטלעכן גענעראַל־שטרייק.

אין מיין שווערער שטימונג האָט מיך די סאָבאָטקע־פאַמיליע געמאַכט פילן היימיש, וואו איך האָב געוואוינט די גאַנצע צייט פון שאַטאַנס זיין אין לאָמזשע. די האַרציקע מוטער פון דעם יונגן חבר העניר סאָבאָטקע האָט צוגעגרייט די שענסטע און בעסטע מאכלים אַוועקצוטראָגן אין טורמע, און האָט מיך אַזוי ליבלעך און צאַרט באַהאַנדלט, אַז איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

נאָך עטלעכע וואָכן בין איך ווידער אַוועק צום נאַטשאַלניק און געבעטן שאַטאַנס באַפרייאונג. ער האָט מיך ממש אַדורכגעשטאָכן מיט זיינע לאַנגע, שפּיציקע וואָנצעס און געזאָגט: „ווער דאַרף זיי דאָ. זאָלן זיי גיין פון וואַנען זיי זענען געקומען".

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאַרגעקומען דער פאַרהער. איך האָב געמוזט זיין ביים פאַרהער און געבן געוויסע דערקלערונגען. נאָכן פאַרהער, זאָגט דער ריכטער אין אַ שטרענגן טאָן צו שאַטאַ־נען: „דיין פוס זאָל מער ניט באַטרעטן די דאָזיקע ערד". אָבער אַ סאָציאַליסט לאָזט מען ניט אָפּ אַזוי גיך, מ'האָט שאַטאַנען נאָך אַ מאָל געשלאָסן אין קייטן און אָפּגעפירט קיין קוטנע מיטן עטאַפּ. איך בין אויך געפאָרן מיט דער אייגענער באַן, נאָר אין אַ צווייטן וואַגאָן. מיר זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט, איך אין איין וואַגאָן און שאַטאַן אין אַ צווייטן, געשלאָסן אין די קייטן מיט אַ פּאָליציאַנט. אַכט אַזייגער פרי זענען מיר אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. אין דער פרי האָט שאַטאַן געוואָלט דער פּאָליציי־וואַך, וואָס האָט אים גע־היט, אָנטאָן אַ ביסל נחת. האָט ער געזאָגט: „איידער מען פירט מיך אין פּאָליציי־באַצירק וויל איך גיין זיך ראַזירן".

איך בין געגאַנגען אויפן טראָטואַר און שאַטאַן איז געגאַנגען אין מיטן גאַס, געפירט פון דער לאָמזשער וואַך געשלאָסן אין די קייטן. באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס אין שטאָט אַז שאַטאַן געפינט זיך ביים פריזירער. זיינע חברים געקומען צו לויפן כאַפּן

אַ קוק אויף אים. אין קוטנע האָט מען ווידער שאַטאַנען איינגעשפּאַרט אין טורמע. נאָך עטלעכע טעג אונטער אַרעסט האָט מען אים פריי געשפּראָכן מיט דעם באַדינג — ניט צו פאַרלאָזן די שטאָט אויף גאַנצע דריי יאָר און זיך ניט וועלן פאַרנעמען מיט אויסבעסערן די וועלט; זאָל ער בעסער טאָן ניצלעכערע אַרבעט...

ווי אַן אומדערשראָקענער סאָציאַליסט האָט שאַטאַן אין עטלעכע טעג אַרום בגנבה פאַרלאָזט די שטאָט און געפאָרן קיין לובלין אין שליחות פון דער פּאַרטיי.

די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין לובלין איז ער געווען אונטער געפאַר פון אַרעסט. ער האָט מיר טאַקע אין ערשטן בריוו געשריבן, וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט אין פּוילן, — אַז אין לובלין איז די פּאָליטישע סיטואַציע נאָך געפערלעכער ווי אין לאָמזשע. עס זענען גאָר וואָס פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן, און כמעט אַלע פאַרשטייער זיצן אין טורמע. ווי ער איז נאָר געקומען צו זיך אין וואוינונג, האָבן זשאַנדאַרמען אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. אָבער ניששט געקוקט אויף אַלעם וועט ער דאָרט פאַרבלייבן ווי לאַנג עס וועט זיך נאָר לאָזן.

מירל ערדבערג שאַטאַן

די קליינע דבורהלע און מ״ר דעיוויס

(זכרונות פון מיינע קינדעריאָרן אין לאָנדאָן, ענגלאַנד)

אין אָנדענק פון מיין שוועסטער דבורהלע,
וואָס איז אַוועק פון דער וועלט אין בליענדיקן עלטער פון 12 יאָר

דבורהלעס עלטערן האָבן געוואוינט אויף פּראָווידענס סטריט, אַ קליין געסעלע אין אָרעמען יידישן קוואַרטאַל אין לאָנדאָן. קליין זיינען געווען די הייזער און קליין די דירות מיט ענגע שטיבעלעך. אָן אויבערשטער און אָן אונטערשטער גאָרן, פון צוויי אָדער איין שטיבל מיט אַ קיכל. געווען זיינען די הייזער אויף אַ גאַר אַלט־מאָדישן שטייגער, אָן די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן. פאַרן מענטש־לעכן געברויך האָט מען געמוזט גיין איבעם קליינעם הייפל, וואָס איז געווען פאַר צוויי משפחות.

נישט ווייט פון פּראָווידענס סטריט האָט זיך געפונען די באַ־רימטע ווייטשעפּל — דער האַנדלס־צענטער פון דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. דאָרט האָט מען באַקומען צו קויפן פון אַ פּאָדעם פאַר אַ פּעני ביז אַ מאַנטל פאַר צען פונט — און גאַנצע בערג שיך, זאָקן־בענדלעך, קנעפּלעך, זייגערלעך, אויררינגלעך, בראַסלעטן, פיש, פלייש, געבעקס, זיסוואַרג און נאָך און נאָך. אַ גאַנצן טאָג איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער האַנדל פון פרי ביז שפּעט, — מען האָט געקויפט, פאַרקויפט, געביטן אַלטע זאַכן אויף נייע, נייע אויף אַלטע. פאַרשיידענע יידישע דיאַלעקטן האָט מען דאָרט געקענט הערן: רוסישע, ליטווישע, פּוילישע, טייל מיט איידעלע אויסדרוקן, טייל מיט גראָבערע. דער עולם אויף ווייטשעפּל איז שוין געוואוינט געווען צו דעם אַלעם.

דבורהלעס מוטער האָט דבורהלען אַלע מאָל מיטגענומען אין ווייטשעפּל ווען זי איז געגאַנגען איינקויפן. די זעקס־יאָריקע דבורה־לע האָט מיט קינדישע נייגעריקע בליקן געבלאָנדזשעט אויף די פאַרשיידענע זאַכן, און כאָטש איר מוטער האָט איר אַלע מאָל גע־געבן צו פאַרשטיין אַז מען טאָר נישט גלוסטן, — גלוסטן איז אַן עבירה, מען דאַרף זיך לאָזן באַנוגענען, האָט זי פונדעסטוועגן גע־פילט אַ חשק עפּעס איינצוהאַנדלען. זי האָט זיך אָבער גלייך דער־מאָנט דער מאַמעס רייד, און אַחוץ דעם זיינען פאַראַן אין שטוב נאָך דריי קינדער: חוהלע די יינגסטע, מירעלע די עלטערע און אברהם דער ברודער. די פּעני וואָס די מוטער האָט איר געגעבן,

האָט זי פּעסט צוגעדריקט צווישן די קליינע פינגערלעך און זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט ביי אַ טישל. זי האָט אָבער קיין זאַך נישט גענומען אין האַנט אַריין. זי האָט געוואוסט אַז סיי ווי ווערט זי פאַר איר גרויס פאַרמעגן קיין זאַך נישט קאָנען איינהאַנדלען. איז זי אַזוי געשטאַנען מיט פאַרחלומטע אויגעלעך און געטראַכט — ווען זי קאָן כאָטש קויפן אַ פלאַש קוואַס וואָלט זי זיך געטיילט מיט אירע שוועסטערלעך און ברודערל.

אַהיימקומענדיק איז זי נישט אַרויף מיט דער מוטער אויפן צווייטן גאָרן וואו זיי האָבן געוואוינט, נאָר זי איז גלייך אַריין צו מר. דעיוויס אין דער אונטערשטער דירה וואו מר. דעיוויס איז אין דעם איינציקן שטיבל געלעגן צו בעט אַ פּאַראַליזירטער שוין אַ היפּש ביסל יאָרן. יעדן טאָג, ווען פרוי דעיוויס איז אַוועק אין דער בילי־קער קיך ברענגען מיטאָג פאַר זיך און דעם קראַנקן מאַן, איז די קליינע דבורהלע געזעסן נעבן אַלטנס בעט. מיט אומעטיקע אייגעלעך האָט זי געקוקט אויפן אַלטן ווי ער ליגט אַזוי אומבאַוועג־לעך און קאָן זיך נישט רירן.

מר. דעיוויס האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט פאַר איר גוטסקייט. טראָץ זיין קראַנקייט, האָט ער שטענ־דיק געזונגען לידעלעך פאַר דבורהלען. איינס פון זיינע באַליבטסטע לידעלעך איז געווען „דעיזי, דעיזי, איי לאַוו יו״. דבורהלע האָט זיך אויסגעלערנט די לידעלעך און מיטגעזונגען אויפן קראַנקנס פאַרלאַנג. אין דער אמתן האָט זיך איר דאָ גאַרנישט געוואָלט זינ־גען. זי האָט בעסער געוואָלט אַרויסגיין און זיך שפּילן מיט די אַנ־דערע קינדערלעך אויפן גאַס, אָבער יעדעס מאָל ווען זי האָט גע־מאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצושטעלן, האָט דער אַלטער מיט זיין ציטערדיקער האַנט אָנגעכאַפּט איר קליין צאַרט הענטעלע: „דעיזי, דעיזי, איי לאַוו יו״ און זי האָט קיין מוט נישט געהאַט זיך אויפ־צושטעלן ביז מרס. דעיוויס איז געקומען פון דער בילי־קער קיך מיט דעם מיטאָג פאַר זיך און פאַר דעם קראַנקן מאַן.

ווען זי איז זיבן יאָר אַלט געווען און איז שוין געגאַנגען אין דער שולע, האָט זי אַהיימקומענדיק פון דער שולע אויף דער שנעל עפּעס אָפּגעגעסן און אַריין צו מר. דעיוויס, מרס. דעיוויס זאָל קאָ־נען גיין אין דער בילי־קער קיך נאָך מיטאָג. אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, איז זי געזעסן אויפן וויג־שטול נעבן מר. דעיוויסעס בעט. ביי איר מינדסטער באַוועגונג האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביים הענטל — „דעיזי, דעיזי, איי לאַוו יו. זינג־מיט, דאַרעלע״, האָט ער מיט

זיין שוואַכן קול געזאָגט. דבורהלע האָט געצוואונגענערהייט מיטגע־זונגען און מיט קינדישן באַדויער געקוקט אויף דעם אומבאַוועגלעכן שווערן קערפּער פון אַלטן.

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן טאָג, אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער נעפּל, אַ „פאָג", ווי מען זאָגט אין ענגליש. אַלץ איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן, שווערן, גרויען טומאַן. לאָמפּן, לאַמטערנעס האָבן געברענט און פון זיך אַרויסגעגעבן אַ זייער קליי־נעם און בלאַסן שיין, און איז פון דעם שווערן נעפּל פאַרשלונגען געוואָרן. מוטערס האָבן אַהיימגעפירט די קינדער פון די שולעס מיט לאַמטערנעס אין די הענט. קלענערע קינדער האָבן זיך געשראָקן פאַר די „דזשיפּסעס" — די ציגיינער, און מורא געהאַט צוצוגיין צו די פענצטער. טייל מוטערס האָבן די קינדער וואָס זיינען נישט געווען געהאַרכזאַם, געשראָקן אַז אין טונקעלע נעפּל־טעג, קומען דזשיפּסעס און נעמען אַוועק די קינדער.

אין אַזאַ טאָג איז דבורהלע, ווי געוויינלעך, געזעסן נעבן מר. דעיוויסעס בעט און מיט אומגעדולד און שרעק געוואַרט מרס. דעי־וויס זאָל וואָס גיכער אַהיימקומען פון דער ביליקער קיך וואו מען מוז אַלע מאָל וואַרטן אַ היפּש ביסל צייט.

איר שרעק איז איצט געווען אַ טאָפּעלע, סיי די געדיכטע פינצ־טערניש פון דרויסן וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַן אימה און עפּעס האָט מר. דעיוויס נישט געזונגען ווי אַלע מאָל, ווי זיין געוואוינ־הייט איז געווען, נאָר געלעגן איז ער מיטן פּנים צו דער וואַנט און עפּעס אַזוי מוראדיק געכראָפּעט. דבורהלען האָט אַרומגענומען אַזאַ אומעט און איר יונג הערצל האָט זיך פאַר שרעק געקאַרטשעט. זי האָט זיך געקאַנט אויפהייבן און אַרויפלויפן די טרעפּ צו דער מוטער. זי האָט זיך אָבער פון אָרט נישט געקאָנט רירן, זי איז געזעסן ווי צוגעשמידט און געקוקט צום פענצטער אין טונקעלן דרויסן. איר יונג הערצל האָט נאָך נישט באַנומען וואָס דאָ איז געשען, און אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט הערן מר. דעיוויסעס זינגען „דעיזי, דעיזי, איי לאַוו יו"...

דער בייגל־בעקער

מיין היימשטאָט קוטנע אין אָנדענק

יעדן פרימאָרגן, ווען דער הימל איז נאָך געהאָנגען אַ האַלב־גרויער, ס'האָט קוים אָנגעהויבן צו שאַרייען אויף טאָג, דאָס שטעטל איז געלעגן פאַרזונקען אין האַרטן שלאָף, האָט זיך מאיר דער בייגל־בעקער אויפגעהויבן פון זיין געלעגער, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך גלייך גענומען איינהייצן דעם אויוון. אַז דער אויוון איז שוין געווען רעכט צעפלאַקערט, האָט ער גענומען טלית און תפילין און געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין צום ערשטן מנין.

ווי ער האָט נאָר פאַרלאָזן די קעלער־שטוב, איז זי, זיין ווייב נעכע, אַרויס פון בעט, אָפּגעזיפצט פון דער שווערער דאַליע אי־רער, וואָס זי מוז זיך גאַנצע טעג אַרומשלעפּן מיט די בייגל, און איר איינציק קינד דינהלע מוז דינען ביי פרעמדע מענטשן. נאָך האַלב־פאַרשלעפערט האָט זי זיך געוואַשן, געזאָגט אַ ברכה, געטרונ־קען אַ גלאָז הייסע טיי און אַז זי איז שוין געווען אַ ביסל אויפגעהיי־טערט האָט זי זיך גענומען צוגרייטן די בייגל צום אויוון, אַז ווען איר מאַן וועט קומען אַהיים פון דאַווענען זאָלן די בייגל זיין גרייט צום באַקן.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען געבאַקן בייגל. דאָנערשטיק און פרייטיק זיינען ווייבער געקומען באַקן חלה אויף שבת. אין שטעטל האָבן אים אַלע גערופן: „בייגל־בעקער". ביים אמתן נאָמען האָט אים כמעט קיינער ניט גערופן. אייגנטלעך איז זי, די ווייב זיינע, דאָך געווען די אמתע בייגל־בעקערין, און איז געווען אַ סך מער פאַרהאָרעוועט ווי ער. זי האָט דאָס טייג פאַרקנעטן, די בייגל פאַרדרייט, זיי אי־בערגעקאָכט, אין פאַנען צעלייגט און צוגעגרייט צום אויוון. דער מאַן אירער האָט אויסגעהייצט דעם אויוון, זיי אַריינגערוקט, אָפּגעהיט זיי זאָלן ניט פאַרברענט ווערן און פאַרטיקע אַרויסגערוקט פון אויוון.

ביידע, מאַן און ווייב, האָבן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט נאָך וואַ־רעמערהייט די בייגל אין קוישן צעלייגט און זי, די בייגל־בעקערין, איז מיט צוויי פולע קוישן אַוועק איבער די גבירישע הייזער.

נאָך איר אַוועקגיין איז ער, דער בייגל־בעקער, אַרומגעגאַנגען שוין כמעט אַ גאַנצן טאָג פוסט־און־פּאַסט און גאָרניט געטאָן.

אין די שיינע זומערדיקע טעג האָט ער צעפּראַלט די פענצ־טערלעך פון זיינע צוויי אומעטיקע קעלער־שטובן, ברייט צעעפנט

די טיר, כדי אויסצולופטערן דעם קעלער פון דעם לאַנגן כמורנעם ווינטער, וואו אַלץ איז געווען פעסט פאַרהאַמערט. ער האָט אַריינ־געלאָזט וואָס מער ליכט און לופט, געהאַט אַ הנאה, און געשעפּט אַ סך נחת פון דעם ליכטיקן דרויסן.

טיילמאָל האָט ער ווי געזעדט צו זיך: „אַ מחיה די זומערדיקע טעג״ און דאָס קליינע האַלב־גרויע שפּיציקע בערדל זיינס, ווערט בעת־מעשה לענגער און ברייטער, די אויגן אָפענער און גרעסער, זיין בליק לויטערער. מיט אַן אָפן מויל שטייט ער אויף דער שוועל פון קעלער־שטוב, ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיך אַריינאָטעמען די גאַנצע זומערדיקע לופט. טיילמאָל גייט ער אַריין צו אַ שכן פון צווייטן קעלער־שטוב, זאָגט אַ גוט־וואָרט, אָדער עפּעס אַ וויץ, טרייבט לצנות, פון וואָס די שכנים צעלאַכן זיך. עס דוכט זיך אַז תמיד איז ער גוט אויפגעלייגט, איז צופרידן מיט זיין דאָליע. עס אַרט אים לחלוטין ניט וואָס דאָרט אויבן איבער אים וואוינען די גבירים מיט אַזוי פיל כל־טוב: ליכטיקע שטובן, ברייטע פענצ־טער וואָס קוקן אַרויס גלייך צו דער זון, זיידענע כוואַליענדיקע פאָר־האַנגען וואָס באָדן זיך אין אַ ים מיט ליכט, און עסן איבער׳ דער זעט.

אים, דעם בייגל־בעקער, דוכט זיך אַז מסתמא איז פון איי־בערשטן אַזוי באַשערט. אַזוי איז פון הימל אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז ער זאָל וואוינען אונטן אין די גרויע קעלער־שטובן, און זיי אויבן אין די ליכטיקע זוניקע שטובן, זיין ווייב זאָל אַרומטראָגן בייגל אי־בער די גבירישע הייזער, און זיין דינהלע זאָל זיין אַ דינסט.

אין די ווינטערדיקע טעג, ווען אין דרויסן איז אַלץ פאַרהילט אין ווייסן געדיכטן שניי, איז אין די קעלער־שטובן אומעטיק, אויף די פענצטער ליגט אַ דיקער פראָסט און מאַכט די גרויקייט נאָך גרויער. דעמאָלט ליגט דער בייגל־בעקער אָפּ גאַנצע שעהן אויפן גרויסן באַק־אויוון; ער ליגט מיטן פּנים אַרויף צו דער פאַר־רויכערטער סטעליע און כראָפּעט: כראָפּ־כראָפּ. דאָס כו־אָפּען זיינס מישט זיך אויס מיטן גרילצן פון דער גריל, וואָס גרילצט פון צווישן די ווענט אַרויס גאַנצע טעג און נעכט, אָן אויפהער, אָן אי־בעררייס, און אים, דעם בייגל־בעקער, איז וואַרעם און היימלעך...

ווען דער בין־השמשות קוקט אַריין דורך די קליינע פענצטער־לעך און צעלייגט גרויע שאָטנס אויף די ווענט, קריכט דער בייגל־בעקער אַראָפּ פון באַק־אויוון, דאַוונט מינחה, צינדט אָן דאָס קליי־

נע נאָפּט־לעמפּל, העגגט עס אויף איבער דער טיר פון בײדע קע־לער־שטובן און מיט אומגעדולד וואַרט ער די ווײַב זאָל שוין קומען מיט די ליידיקע קוישן און קאָכן נאַכטמאָל. אַז ער הערט אירע טריט דערנעענטערן זיך, לויפט ער שנעל אַנטקעגן, עפנט ברייט אויף די טיר און טראָגט איר אַנטקעגן אַ ברייטן: „סקאָצל־קומט". זי, די בייגל־בעקערין, אַ מידע פון אַ גאַנצן טאָג אַרומשלעפן זיך מיט די קוישן, איז שוין גאָר נישט אַזוי אויפגעלייגט צו זײַן ברייטן „סקאָצל־קומט". זי ענטפערט אָפּ מיט אַ שווערן זיפץ: „קוים אָוועקגעפּטרט די לעצטע פּאָר בייגל ביי דער מאַדאַם זשעלי־כאָווסקי אין דער גרויסער מיל". „אַ ווייטער גאַנג", ענטפערט ער שוין אַ ביסל מיט אַן ערנסטן טאָן. זי שטעלט אַוועק די קוישן און נעמט זיך קאָכן דעם אָרעמען נאַכטמאָל. ער שטעלט זיך אַוועק נעבן איר, קוקט צו ווי זי קאָכט, און כדי איר מידן פּנים אַ ביסל פריילעכער צו מאַכן זאָגט ער וויצן. טײלמאָל ווערט זי אין כעס פון זיין אויפגעלייגטקייט און טײלמאָל לאַכט זי פון זיינס אַ וויץ.

אַזוי ציט זיך דאָס לעבן ביים בייגל־בעקער וואָכן, חדשים און יאָרן איינטאָניק און לאַנגזאַם, אין די אומעטיקע קעלער־שטובן.

בלויז אין די דאָנערשטיקע לאַנגע ווינטער־נעכט באַקומען די קעלער־שטובן איינגאַנצן אַן אַנדערן אויסזען: עס ווערט וואַרעמער, ליכטיקער און געראַמער. איבערן גרויסן בעקער־טיש הענגט אַן אָנגעצונדענער דער גרויסער בליך־לאָמפּ, דאָס קליינע נאַפּט־לעמפּל וואָס הענגט יעדע נאַכט צווישן ביידע קעלער־שטובן שטייט ביים באַק־אויוון. דער בייגל־בעקער איז מער אויפגעלייגט ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג, ער גייט אַרום מיט אַ ווייס־פּאַפּירענעם הויכן הוט אויפן קאָפּ און זעט אויס ווי אײנער וואָס גרייט זיך צו אַ גרויסער שמחה.

אין די דאָנערשטיקע ווינטער־אָוונטן קומען זיך צונויף די ווייבער באַקן חלה אויף שבת. דאָ, ביים בעקער, פאַרקנעט מען טייג, דאָ שטעלט מען דאָס טייג צו יערן, מען גרייט צו די פאַנען, מען שייערט, מען רייניקט די מולטערס און אין איינוועגס דערציילט מען זיך מעשיות פון מאַן, פון די קינדער, פון די אָרעמע פּרנסות, פון חתונות, פון גטן און פון אַלץ אין דער וועלט. ווען דאָס טייג איז שוין פאַרטיק נעמט מען חלה, מען זאָגט פרום די ברכה, און ווער עס ברענגט מיט די טעכטער, אָדער אייניקלעך, הייסן זיי די מו־טערס, אָדער באָבעס, זיך צוהערן צו די ברכות.

די קוכנס לייגט מען אַריין אין פֿאַנען אויסגעשמירט מיט בוימל. די חלות פֿאַרפֿלעכט מען און מען לאָזט ווייטער יערן. אַזוי ציען זיך די שעהן ביז אין דער טיפֿער נאַכט אַריין. עס ווערט שפּעט און שפּעטער, און ביז די חלות ווערן אײַנגאַנצן פֿאַרטיק איז שוין האַלבע נאַכט. די ווייבער זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין באַקן און טוען אַלץ מיט אַזוי פֿיל יראת־הכבוד, ווי צו אַ גרויסער הייליקער זאַך. ווען די חלות קומען אַרויס שיין געבאַקן, וויזן זיי אַרויס אַ סך פֿרייד, און האַלטן עס פֿאַר אַ טאָפּעלער מצווה אַזוי שפּעט ביינאַכט צו באַקן.

בשעת די חלות באַקן זיך, זיצן די ווייבער אַרום ביים באַק־אויוון און הערן זיך איין מיט גרויס נייגעריקייט צו די משונהדיקע מעשיות, וואָס דער בייגל־בעקער דערציילט. אין זייבע פֿאַרמעלטע בגדים, מיט זיין ווייסן פֿאַפּירענעם הוט אויפֿן קאָפּ, זיצט ער מיט אַראָפּגעלאָזענע פֿיס ביים אויוון און פֿילט זיך ווי אַ קעניג אויף זיין טראָן. מיט אַ צופֿרידענעם אויסדרוק אויף זיין לעבעדיקן פּנים דערציילט ער וועגן שדים, וועגן רוחות, וועגן ניט־גוטע, און זיין האַלב־גרוי שפּיציק בערדל צעבלאָזט זיך אַזש פֿאַר גאווה. זיצן די ווייבער אַרום אויוון אַזעלכע צעשראָקענע און הערן זיך שטיל און ערנסט איין, זיי האָבן זיך מורא צו רירן פֿון די ערטער, ווי זיי וואָלטן געווען געליימט. אפֿילו אומקוקן זיך שרעקן זיי זיך. טוליען זיי זיך נענטער איינע צו די אַנדערע און ער דערציילט, און דערציילט מיט אַן ערנסטן טאָן: „יעדע נאַכט נאָך צוועלף אַזייגער האַקט מען מיט אַ האַמער ביי ברכה־צירלס פֿענצטער. דאָס קומט דער גרויסער ווינדער מאַנען זיין כלה אסתר, און אסתרל טוליעט זיך צו דער מאַמען אין בעט, וויינט פֿון שלאָף. זי ווייסט אַז וויגדער איז אַוועק פֿון דער וועלט צוליב אירע טאַטע־מאַמע. זיי האָט ניט געפּאַסט זיך משדך צו זיין מיטן שניידער־יונג. איז ער איינמאָל אין אַ פֿרייטיק־פֿאַרנאַכט אַוועק צום טייך און שוין מער ניט צוריקגעקומען. אַזוי נאַכט־ביי־נאַכט קלאַפּט ער". אַ פּחד באַפֿאַלט די ווייבער און זיי האָרכן זיך איין מיט ערנסטע פּנימער. עס דוכט זיך זיי, אַז זיי הערן קלאַפּן און עמעצן וויינען אין דער שטיל. און דער בייגל־בעקער דערציילט ווייטער, וועגן דעם באַק מיט דער לאַנגער, ווייסער באָרד, וואָס דרייט זיך נאָך האַלבער נאַכט אַרום שול. די ווייבער ווערן אַרומגענומען נאָך מיט מער אימה, און דאָס גרילצן פֿון דער גריל און דאָס כראָפּען פֿון ווייב אין דער צווייטער קעלער־שטוב וואַרפֿט נאָך אַן אַ גרעסערע מרה־שחורה אויף זיי.

ווען די חלות זיינען שוין פֿאַרטיק, לאָזט מען זיי אַ ביסל אָפּ־

קילן, דערנאָך לייגט מען זיי אַריין אין די קוישעלעך וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פון דער היים. זיי טוען דאָס אַלץ אַזוי לאַנגזאַם און פּאַמעלעך, ווי זיי וואָלטן זיך דאָ ביז טאָג געוואָלט פאַרהאַלטן. פאַרשטייט שוין דער בייגל־בעקער וואָס זיי מיינען, טוט ער אָן דעם אַלטן חתן־פּעלץ מיט דעם פוטערנעם הוט, נעמט דעם גרויסן לאָמטערן מיטן גראָבן שטעקן און פירט אָפּ די איבערגעשראָקענע ווייבער אַהיים. זיי שפּרייזן דורך דער שול אין גרויס פּחד, האָבן מורא די קעפּ אויפצוהייבן. עס דוכט זיך זיי אַז זיי הערן וויגדערס קלאַפּן מיטן האַמער אין אסתרלס פענצטער. זיי הערן איר שטיל געוויין. די שול זעט אויס אין דער נאַכט טונקעלערהייט ווי אַ שוואַרצער הויכער באַרג. אָבער אין דער מיט פון דער טונקלקייט דוכט זיך אַז זיי זעען שדים אַרומטאַנצן. טאַפּן זיך די ווייבער אַרום פּאַסעק צו זען אויב זיי האָבן אויף זיך די פאַרטעכער (אַ סגולה פאַר שדים, זיי זאָלן קיין שליטה ניט האָבן). מיט אַ שטילן שמע־ישראל אויף די ליפּן פאַלן זיי אַריין אין שטוב אַריין, וואו די משפחה איז שוין פעסט פאַרזונקען אין אַ האַרטן שלאָף.

יעדער מאָל ווערט מיט אַ יידענע וויניקער, ביז דער בייגל־בעקער בלייבט אין דער נאַכט־פינצטערניש איינער אַליין. אַזוי גייענדיק איינער אַליין אין דער נאַכט איבער דעם האַרטן פאַרפרוירענעם שניי גיט ער אַ טיפן זיפץ וואָס קלינגט אָפּ מיט אַ ווידערקול אין דער הוילער נאַכט אַריין. עס מאַטערט אים וואָס זיין איינציקע טאָכטער, דינהלע, האָט נאָך איר זיווג ניט געפונען. אמת, קיין שטאַרק געראָטענע איז זי ניט. פון איר צענטן יאָר אָן דינט זי שוין ביי פרעמדע מענטשן, און די שווער־אויסגעהאָרעוועטע עטלעכע הונדערט רובל ליגן נאָך אַלץ ביי משה בראַמבערגן מיטן פעטן בויך. ווער ווייסט, אפשר וועט ער אויך נאָך באַנקראָטירן? עס קאָן דאָך געשען ווי ביי יעקב גלאַווינסקי, דעם פּראָצענטניק, וואָס האָט אַ סך טויזנטער, שווערע פאַרהאָרעוועטע נדנס פון אָרעמע כלה־מיידלעך, צוגענומען. באַנקראָט! און שוין, גיי שריי חי וקים, און זי, די ווייב זיינע, וועט שטיין הינטערן פענצטער מיט נאָך ווייבער ביים גבירס רייכער שטוב און וויינען און בעטן: „גיט אָפּ מיין טאָכטערס שווער פאַרהאָרעוועטן נדן! גיט אָפּ!" עס וועט אַרויסקומען דער גויאישער בוכהאַלטער און מיט אַ רואיקער שטים דערקלערן: „דער יאַסני וויעלמאַזשני פּאַן איז ניטאָ, ער איז געפאָרן קיין אויסלאַנד זיך אָפּרוען". דער פּראָצענטניק וועט זיך דאָרט זיצן מיט זיין ווייב אין די רייכע בעדער ביז מ'וועט זיי דאָ, די אביונים, אָפּפטרן מיט גראָשנס פאַר רובלס, און אַז עס וועט זיך איינשטילן

וועלן זיי קומען צוריק. זיין איינציקע טאָכטער דינהלע קאָן נאָך חלילה בלייבן זיצן ביזן גרויען צאָפּ, און זיין ווייב? אַז גאָט וועט לאָזן לעבן, וועט נאָך אַלץ דאַרפן טראָגן בייגל איבער די גבירישע הייזער. „עך, עך״, טאַפּטשעט ער איינעם טיפן שניי. מיט די דאָזיקע אומעטיקע מחשבות קומט ער צו צו זיין קעלער־שטוב. ער עפנט שטיל און פּאַמעלעך די טיר, פאַרלעשט דעם גרויסן בליך־לאָמפּ וואָס איז געבליבן ברענען פון פריער, נעמט אַוועק דאָס קליינע לעמפל פון באַק־אויוון, הענגט עס אויף צווישן ביידע טירן פון די צוויי קעלער־שטובן, דרייט עס נידעריק אַראָפּ און ברומט דערביי אונטער אַ דין ניגונדל, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרגעסן זיינע ערשט געטראַכטע דאגות. ער לייענט שטיל קריאת־שמע און לייגט זיך שלאָפן.

די מומע מינדל, דער פעטער יונה און מאיר יום־טוב

(אַ בינטל זכרונות פון דער אַלטער היים)

פון אַלע מומעס אין דער אַלטער היים איז מיר אַמשטאַרקסטן געבליבן איינגעקריצט אין זכרון די מומע מינדל. אייגנטלעך איז זי געווען מיין עלטער־מומע, מיין זיידע רב פישלס שוועסטער. אַרום איר זיינען פאַרבונדן פאַרשידענע געשעענישן וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. ווען איך וואָלט אַליין ניט בייגעוואוינט אַ סך פון די געשעענישן וואָלט איך אויך געזאָגט, ווי פיל אַנדערע פון שטעטל האָבן געזאָגט: עס קלינגט ווי אַ לעגענדע!

זי איז שוין געווען אַ רייכע פרוי, ווען זי האָט נאָך געוואוינט מיט איר ערשטן מאַן, דעם פעטער יונה ע״ה. דאָס עשירות אירס, האָט מען גערעדט, אין שטעטל, איז געקומען דורך אַן אויסטער־לישן וואונדער. איינמאָל אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב, ווען דער פעטער יונה איז, ווי תמיד, געזעסן אין קלויז, געלערנט אָדער געדאַוונט — איז די מומע מינדל געשטאַנען אין לעדער־געוועלב און גלייכגעלייגט די סחורה. זי איז אַלע מאָל געווען ציכטיק אָנגעטאָן און באַהאַנגען מיט צירונג — לאַנגע גאָלדענע רינגען, אַ גרויסע בראָש, די טיפע הויב איז געווען באַפּוצט מיט שפּיצן און פאַרשידענע בענדעלעך און שלייפעלעך און געווען טיף אַראָפּגערוקט איבער איר הויכן ווייסן שטערן, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר העלע קלוגע אויגן.

אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און גלייכגעלייגט די סחורה, האָט אָנגעבלאָזן אַ שטאַרקער האַרבסטיקער ווינט, און דורך דער אָפענער טיר פון געוועלב זיינען אַריינגעפלויגן גאַנצענע הויפנס פּאַפּירענע באַנקנאָטן. קיינער אַ חוץ די מומע מינדל האָט דאָס געלט ניט גע־זען און ניט געציילט. אַזוי האָט מען גערעדט אין שטעטל.

קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. געווען אַן עקרה לא עלינו. האָט זי דערפאַר געטאָן אַ סך מצוות, איך ווייס ניט צי מחמת גוטסקייט, צי מחמת פרומקייט. אויף וויפל איך געדענק, איז זי ניט געווען קיין גוטע און אויך אַ ביסל קאַרג. ווען די קינדער זיי־נען געקומען אין די שבתים צו איר נאָך שבת־אויבסט, ווי עס איז געווען אַ מנהג אין יענע צייטן אין דער אַלטער היים, זיינען די שבת־אויבסטן געווען זייער מאָגערע. אָבער טאָן מצוות איז

געווען אַ פּשוטע זאַך. מ׳דאַרף זיין גרייט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר צו קומען ריין אויף יענער־וועלט, און דורך טאָן גוטס קויפט מען אויס די נשמה פון יעדע זינד. און ווער איז ניט זינדיק? אַפילו דער גרעסטער צדיק איז ניט ריין פון זינד.

דער פעטער יונה האָט זיך ווייניק וואָס געמישט אין די געשעפטן; אפילו מיט דער צדקה האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף דער מומע מינדל. ער איז געזעסן די מערסטע צייט און געלערנט. בלויז אין די מערק־טעג, ווען פויערים זיינען געקומען אין שטעטל איינקויפן, האָט ער אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן. ער האָט אַלץ געטאָן ווי די מומע האָט באַפוילן.

די ערשטע גרויסע מצווה וואָס זי האָט אָנגעהאַלטן פאַר לאַנגע יאָרן איז געווען הכנסת־כלה. דאָס דירה־געלט פון איין שטוב פון איר הויז, אַרום פערציק רובל אַ יאָר, איז געגאַנגען יעדעס יאָר פאַר אַן אָרעמער כלה. זי האָט געלאָזט שרייבן אַ ספר־תורה שוין נאָך דעם ווי דער פעטער יונה איז געשטאָרבן. מ׳האָט די ספר תורה געפירט אין שול אַריין מיט מוזיק, און די מומע מינדל איז געווען אויסגעפוצט ווי אַ קייזעריינע. זי האָט נאָך געטאָן אַ סך אַנדערע מצוות און האָט אויך ניט פאַרגעסן צו פאַרשרייבן זעקס טויזנט רובל, אויף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, פאַר אירע ברידער און שוועסטער און זייערע קינדער.

צוויי יאָר נאָך דעם פעטער יונהס טויט האָט זי חתונה געהאַט מיט מאיר יום־טוב. מ׳האָט אים גערופן ר׳ מאיר יום־טוב ווייל ער איז געגאַנגען אַלעמאָל אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ שיינעם גאַרטל אַרומגעבונדן, אַ גרויסן שטריימל אויפן קאָפּ. זיינע באַקן האָבן שטענדיק געהאַט די פאַרב פון אַ פרישן עפּל, די גרויסע באָרד האָט אים צוגעגעבן אַ סך הדרת־פנים.

אַריינקומענדיק אין דער גרויסער עשירות וואו קיין קינדער זיינען ניט געווען, האָט ער זיך גלייך דערפילט ווי דער גאַנצער בעל־הבית. ער האָט מיט פאַרשיידענע שיינע רייד און שפּיצלעך אויסגענאַרט ביי איר אַ סך געלט און צירונג, ווי ער וואָלט זיך געריכט אַז ער וועט זי איבערלעבן. ער האָט איר צוגעזאָגט אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט זיין איידעם דער רב קומען צו פאָרן פון שטעטל ל. זאָגן איבער איר אַ הספד. „נאַרעלע

— האָט ער מיט אַ פּאַלשן שמייכל צו איר געזאָגט — דו ווייסט דען וואָס עס מיינט אַז אַ רב זאָגט אַ הספּד? ניט יעדער איז זוכה דערצו, אָבער איך וויל דאָך אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן". מיט די און מיט נאָך אַזעלכע רייד האָט ער ביי איר אַלץ געפּועלט. גייענדיק פון שטיבל האָט ער זיך אַלעמאָל אַריינגעכאַפּט צו דער מומע מינדלס אַ קרוב, פאַרפירט אַ שמועס, זיך אַ ביסל אונטערגעחנפעט מיט פאַרשיי־דענע רייד, האָט ער זיך געמאַכט נאָענט צו די קרובים, כדי זיי זאָלן אים אין גאָרנישט חושד זיין. אַזוי אַרום האָט ער גענומען שאַלטעווען איבער איר גאַנצן פאַרמעגן — עטלעכע זעקעלעך גאָלדענע מטבעות וואָס זיינען געלעגן באַהאַלטן אין קעלער פון דער גרויסער שטוב האָט ער אויסגעליידיקט און אַריינגע־לייגט קופּערנע קאָפּיקעס און גראָשנס. ניט די מומע מינדל און ניט די קרובים אירע האָבן אים אין עפּעס פאַרדעכטיקט. די קרובים, מער אָרעמעלייט ווי גבירים, זיינען קיינמאָל ניט געווען להוט נאָך געלט. זיי איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אַז מאיר יום־טוב מיט דער לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע און דעם גרויסן שטריימל איז פעאיק צו טאָן אַזאַ זאַך.

איינמאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען, איז די מומע מינדל געלעגן אין בעט, די גלאַטע ווייסע הויט אויף איר איידעלן פּנים איז געווען געלבלעך, די לעבעדיקע אויגן עטוואָס פאַרלאָשן, אַ ווייסע הויב מיט ברייטע שפּיצן איז געווען טיף אַראָפּגערוקט אי־בער איר שטערן. אַרום איר האַלדז איז געהאָנגען אַ לאַנגע גאָל־דענע קייט און געגרייכט אַזש ביז צום גאַרטל. זי האָט מיך צו־גערופן צום בעט און שטיל געזאָגט: „זעסט, מירעלע, די קייט וועט זיין פאַר דיין ברודער אברהמס כלה אַ חתונה־מתנה". אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין די קייט פון איר האַלדז געווען פאַר־שוואונדן. די קרובים אירע וואָס זיינען זי געקומען מבקר־חולה זיין, האָבן עס אַפילו ניט באַמערקט. זיי האָבן אויך ניט באַ־מערקט, אַז מיט יעדן טאָג פעלן נאָך אַנדערע זאַכן פון שטוב. אַז זיי האָבן עפּעס יאָ ניט־דרייסט געפרעגט, האָט ער קורץ און שאַרף געענטפערט: כ'האָב געמוזט פאַרזעצן, אַלץ גייט אַוועק אויף דאָק־טוירים און מעדיצינען.

דער מומע מינדל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער. איינמאָל, ווען מיין מאַמע איז געגאַנגען געוואויר ווערן וואָס זי מאַכט, בין איך מיטגעגאַנגען. זי האָט מיך צוגערופן צום בעט און מיט אַ

שטילן הייזעריקן קול געזאָגט: מירעלע, גיי נאָך מלכהן, זאָג, זי זאָל שוין קומען.

מלכה הערש־בערס ווייב איז געווען אירע אַן אַלטע חברטע נאָך פון די קינדער־יאָרן. אַן איבערגעגעבענער פריינט און אַ טייע־רער מענטש. אַן ערלעכע און פרומע פרוי. מלכה איז באַלד געקו־מען צו גיין אַ דערשראָקענע. די מומע מינדל האָט איר געוויזן אויפן ספרים־שראַנק, און זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, האָט זי אַרויסגענומען אַ סידור און געזאָגט מיט דער מומע ווידוי.ביידע פרויען האָבן שטאַרק געוויינט. די טרערן זיינען גערונען איבער דער מומעס אויסגעדאַרטע באַקן און געפאַלן אויף די שניי־ווייסע קישנס. מיין מאַמע האָט אויך געוויינט און מיר האָבן זיך אויך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

די פרוי וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַרום איר, האָט איר אָפּגע־ווישט די טרערן, געגעבן עפּעס צו טרינקען און איז אַוועק מיט אַ זיפץ. באַלד דערנאָך איז אַריינגעקומען מאיר יום־טוב מיט דער זיידענער קאַפּאָטע מיטן שטריימל אויפן קאָפּ. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ווייס פּאַפּיר זי זאָל אונטערשרייבן אַז ער מעג פאַרקויפן דאָס הויז. זי האָט שוין געשוועבט צווישן לעבן און טויט. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער און געפירט מיט דער פּען איבערן פּאַפּיר. נאָך דעם אייגענעם טאָג איז שוין דאָס הויז געווען פאַרקויפט. איך בין נאָך קיין צען יאָר ניט אַלט גע־ווען און עס איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. מיין יונג הארץ האָט מיר אָבער אונטערגעזאָגט, אַז דאָ גע־שעען אַ סך ניט קיין גוטע זאַכן. די אייגענע נאַכט איז זי אויס־געגאַנגען און אַוועק פון דער וועלט אויף אייביק. מיין זיידע רב פישל און מיין עלטער־פעטער מאיר ערדבערג, וועלכער האָט גע־לעבט הונדערט און פיר יאָר אין קוטנע, זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער זען וואָס עס טוט זיך מיט דעם פאַרמעגן. זיי האָבן זיך אָבער ביז נאָך דער קבורה און שבעה צו קיין זאַך ניט צוגערירט. ווען די מומע מינדל איז געלעגן אויפן דיל צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך און אַ ליכט צוקאָפּנס, האָט מאיר יום־טוב צונויפ־גערופן די גאַנצע משפחה און זיי מגלה סוד געווען, אַז ער פאַר־קויפט דאָס בעט־געוואַנט ווייל עס איז ניטאָ אויף קבורה. די חברה קדישא וויל אַ סך געלט און ער האָט ניט אַפילו די העלפט. „אויך האָב איך שוין דעפּעשירט נאָך מיין איידעם דעם רב און דאָס קומען קאָסט אַ שיינע מטבע. אַזוי ווי איך האָב איר צוגע־

זאָגטביים לעבן, אַז מיין איידעם דער רב וועט זי איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר מספּיד זיין, וועל איך מיין צוזאָג ניט ברעכן. היינט מעדיצינען, דאָקטוירים — האָט ער שוין מיט אַ געהעכערטן טאָן געזאָגט — ניט פון הויז, ניט פון אַלעם וועט נאָך סטייען".

כמעט אַלע פון דער משפחה זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט געלט־זאַכן און האָבן געמיינט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז אמת. איינער פון די ברידער האָט זיך יאָ אָפּגערופן: און וואו זיינען אַהינגעקומען די זעקעלעך גאָלד אין קעלער? — „גאָלד־זעקעלעך? צווייערס מיט גראָשנס! איר קאָנט זיי נעמען. זיי ליגן אין קעלער".

ווי איצט איז מיר נאָך געבליבן אין זכרון, ווי דער רב איז געקומען דעם אייגענעם טאָג צו פאָרן מיט אַן עקסטראַ געדונגע־נעם קאָטש ווי נאָר די לוויה האָט זיך אָנגעהויבן. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַ הדרת־פנים, אַ שיינע שוואַרצע באָרד, אַ פּאָר קלוגע טיפע אויגן און אַ פיינע קלינגענדיקע שטימע. פון זיין גאַנצן הספד געדענק איך נאָך עטלעכע ווערטער איצט, וואָס ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט מיט אַ גמרא־ניגון: „די וועלט איז דאָך נאָר אַ פּרוזדור און פון דעם פּרוזדור גייט מען צו דער אייביקער וועלט."

מיט דעם רב איז אויך פאַרוויקלט ניט קיין פשוטע מעשה. מ'האָט געמורמלט אַז ער איז אַ „זנאַידעק", אַ געפונענער, און מ'ווייסט ניט ווער זיינע טאַטע־מאַמע זיינען. ער איז נאָך קיין אַכט טעג ניט אַלט געווען, האָט מען אים געפונען איינגעוויקלט אין ווינדעלעך הינטער די טרעפּ פון אַ גבירס הויז... אַ צעטעלע איז געווען אָנגעבונדן: „זייט אים מלע, ער איז אַ יידיש קינד". וויפל מ'האָט ניט נאָכגעזוכט, נאָכגעפאָרשט, האָט מען קיין שפּור ניט געקענט געפינען. די קהילה האָט זיך מיט דעם נפשל פאַרנומען, אים געמלט, אַריינגעגעבן צו אַן אָרעמער פרוי אים צו האָדעווען. זי האָט אַראָפּגעגנבעט מילך פון אירע אָרעמע בריסטן מיט וואָס זי האָט איר אייגן קינד געזויגן און אויך אים געהאָדעוועט. גוטע ווייבער האָבן אַלע מאָל דער פרוי צוגעטראָגן אַ טעפּל נאַרהאַפּטע געקעכטס, זי זאָל האָבן מער צו זייגן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען אים געשיקט אין תלמוד־תורה, ער האָט גראָד געהאַט אַ גוט קעפּל און געווען פון די בעסטע לערנער. צו דרייצן יאָר האָט מען אים געשיקט אין אַן אַנדער שטאָט אין דער ישיבה.

מנשה — אַזוי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן — האָט גע־

לערנט מיט התמדה און געווען דער בעסטער תלמיד פון דער ישי־בה. דער ראש־ישיבה האָט זיך געגרויסט מיט אים און אים אַ סך מאָל אַרויסגעשטעלט פאַר גרויסע למדנים צו פאַרהערן. ווען ער האָט שוין געהאַט סמיכה אויף רבנות, האָט ניט איין בעל־הבית פון שטאָט זיך געוואונטשן ער זאָל ווערן זיין אידעם. דאָס איז די מעשה אין קורצן וואָס איך האָב געהערט מורמלען וועגן מאיר יום־טובס אידעם.

נאָך דער שבעה פון דער מומע מינדל איז מיין זיידע און פעטער מאיר אַהיימגעקומען, דער מיט אַ זעקל קופּערנע מטבעות און דער מיט אַ זעקל קופּערנע מטבעות און צווי שטולן. דאָס איז געווען די ירושה וואָס זיי האָבן אַהיימגעבראַכט פון דער גבירי־שער שוועסטער. אַ דריטער ברודער, שוין ניט אזאַ גאַאיוער, האָט עפּעס באַוויזן צו קריגן, אַ פּאָר זילבערנע לייכטער וואָס זיינען געווען באַהאַלטן, און אַ מזרח־שטאָט פאַר זיין ווייב אין דער גרוי־סער שול.

מיט דער מומע מינדלס טויט איז נאָך ניט געווען דער סוף פון די אַלע אויסטערלישע מעשיות. די זעקס טויזנט רובל וואָס זי האָט געוואָלט איבערלאָזן ירושה פאַר אירע קרובים, האָט זי איינ־געלייגט ביי אירער אַ קרובה, די „מארע", נחום ערדבערגס ווייב. די מארע איז אגב געווען די רייכסטע פרוי אין אונדזער שטאָט. דעם מאַן אירן, נחום, האָב איך ניט געקאַנט. ער איז שוין גע־ווען אויפן עולם האמת. נאָר זי, די מארע, געדענק איך נאָך ביז היינט. זי האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ קייזערינע. זי איז אַלע מאָל געווען אויסגעפּוצט אין זייד און אין סאַמעט, באַ־האַנגען פון קאָפּ ביז די פיס אין בריליאַנטן. אַלע קנעפּ וואָס זיי־נען געווען צוגעניית צו אירע בלוזקעס זיינען געווען פון ברי־ליאַנטן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ קעניגין אָן אַ קרוין.

פּלוצלינג איז איר איינגעפאַלן אויף דער עלטער אַז זי מוז זיך איבערקלייבן קיין וואַרשע. דאָרט האָט זי געהאַט מער רייַ־כערע קרובים, וואו זי קאָן זיך באַווייזן פרייער מיט איר עשירות. טאָ צו וואָס דאַרף זי דאָ וואוינען צווישן די אָרעמע לאַטוטניקעס? אַזוי לאַנג ווי דער מאַן האָט געלעבט איז עס געווען עפּעס אַנדערש, אָבער איצט איז אויך עפּעס אַנדערש. האָט זי אין אַ שיינעם העלן טאָג מיטגענומען איר גאַנץ פאַרמעגן און אויך די פּוילישע דינסט, וואָס האָט ביי איר געדינט איבער צוויי צענדלינג יאָר.

די דינסט האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, אַריינ־

געבעטן אירע פריינט שיקסעס מיט שקצים און זי, די מארע, האָט גאָרנישט קעגן דעם געהאַט, זי האָט זיי אַלעמען געמאַכט פילן היימיש. מיר דאָ, די אָרעמע קרובים, זענען געווען רואיק וועגן די זעקס טויזנט רובל, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מיר זיי איינטיילן צווישן זיך, און אויב נישט צווישן זיך, איז צווישן די קינדער אָדער אייניקלעך.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, איך מיט מיין שוועסטער זיינען געגאַנגען אין דער שולע. מיין פאָטער ע״ה מיט דעם טלית־זעקל אונטערן אָרעם, זיינען מיר אַזוי צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען. זעען מיר ווי אין גאַס שטייען קופקעלעך מענטשן און ריידן מיט אַזעלכע צעשראָקענע אויגן צווישן זיך. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען אַז עפּעס נישט קיין גוטס האָט געמוזט געשען. מיין פאָטער איז גלייך צוגעגאַנגען צו איינעם פון די קופקעלעך מענטשן און געפרעגט וואָס דאָ איז געשען? און ווי אַ דונער האָט אונדז געטראָפן די בייעס, אַז די מארעס דינסט האָט זי דערהרגעט. זי מיט איר פריינט האָבן איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אַנטלאָפן מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן. מ׳קאָן זיך פאַרשטעלן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שטעטל. מ׳האָט געהאַלטן אין איין זאָגן: געפאָרן צו אַזאַ שרעקלעכן טויט קיין וואַרשע, דאָ אין קוטנע וואָלט זי נאָך מסתמא לאַנג געלעבט. אינגאַנצן צוויי יאָר ווי זי איז אַהינגעפאָרן און געהאַט אַזאַ סוף! שפּעטער איז מען געוואָר געוואָרן אַז מען האָט אַרעסטירט די מערדער, אָבער וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם עשירות און מיט די זעקס טויזנט רובל זיינען מיר קיינמאָל נישט געוואָר געוואָרן. עס איז קיינער נישט געווען צווישן דער משפחה וואָס זאָל זיך אָננעמען מיט מוט, ענערגיע, און צופאָרן קיין וואַרשע און דאָרט געוואָר ווערן ביי אירע קרובים וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די זעקס טויזנט רובל. דאָס איז געווען דער סוף פון דער רייכער פריי־צישער מארע, ר׳ יונה ערדבערגס ווייב.

מירל ערדבערג שאַטאַן

די ערשטע בונדישע פאָן אין קוטנע

(אַ קאַפּיטל זכרונות פון משה־יחיאל שאַטאַן, איבערגעגעבן פון זיין זון ד״ר חיים שאַטאַן) *

ווען איך האָב געאַרבעט ביי די זאַנדעלס אין קוטנע, איז אַפּט־מאָל אַריינגעקומען אין אייזן־געשעפט איינער אַ ייד מיטן נאָמען יאַנאָווסקי. די פרוי זיינע איז דאָרט געווען אַן אייגענע, אַ שטיקל קרובה פון די זאַנדעלס. ער, יאַנאָווסקי, איז אָפּגעשטאַנען אין געשעפט גאַנצע טעג, זיך געמאַכט פאַר אַן אייגענעם, אַ באַענטן. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ סטראַזשניק. מען האָט געוואוסט, אַז יאַנאָווסקי איז אַ שפּיאָן. ער האָט קיין מאָל נישט געאַרבעט און דאָך געהאַט פון וואַנען צו לעבן. מען האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף זיך פאַר אים היטן...

אין געשעפט אַריין זיינען געקומען פאַרשיידענע מענטשן צו פרעגן פאַרשיידענע פראַגעס, ווי זיי וואָלטן געוואוסט, אַז איך בין אַ בונדיסט, אַ רעוואָלוציאָנער. יאַנאָווסקי האָט מורא געהאַט צו פרעגן, ווייל ער איז געווען צופיל באַקאַנט און מ׳האָט אים געקאָנט אַריינזאָגן, אַז ער וועט האָבן אַ שוואַרצן סוף... אין קוטנע איז געווען אַן אַלטער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט מיך אויך געהאַט אויפן אויג. אין 1906 איז געווען אין גאַנץ פּוילן אַ „רויטער מיטוואָך״. אין איין טאָג האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטן געהרגעט אַ סך פּאָ־ליציאַנטן און זשאַנדאַרן, האָט מען דעם אַלטן זשאַנדאַרם אויך דער־הרגעט און נאָך עפּעס אַ שפּיאָן, וואָס מיר האָבן אים נישט געקאָנט און די פּ.פּ.ס. האָט געוואוסט וועגן אים. דער בונד האָט אין יענער צייט געהאַט אַ ב. אָ. (קאַמף־אָפּטיילונג). איטשע מאיר טורקעלטויב, אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער (אַ טאָקער, אַ מעבל־שניצער) האָט אָנגעפירט מיט דעם ב. אָ.. מ׳האָט געהאַט געקויפט עטלעכע רעוואָל־ווערן און יעדן שבת האָט מען זיך געלערנט שיסן אין וואַלד הינטער דער שטאָט.

ווען איך וואָלט היינט געקומען קיין קוטנע, וואָלט איך נאָך

---

* רעדאַגירט פון מ. י. שאַטאַנס זכרונות פון זיינע בונדישע יאָרן (1898—1926) אין פּוילן. אויפגענומען אויפן מאַגנעטאָפאָן 1963—1966, צו זיין דריטער יאָרצייט, דעם 14טן יוני, 1970.

געקאָנט אָנווייזן דאָס אָרט, וואו עס ליגן די רעוואָלווערן, און די פּראָטאָקאָלן און חשבונות פון 1905. איך האָב אויך דאָרט באַהאַלטן אַ סך אַנדערע פאַרשיידענע אומלעגאַלע זאַכן, וואָס קיינער, אַחוץ מיר, ווייסט נישט פון דעם. אַזוי לאַנג ווי זאַנדעלס הויז וועט שטיין אויף דעם „נייעם מאַרק״, וועט דאָס אַלץ דאָרט נאָך זיין באַהאַלטן...
איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין דעם אייגענעם בוידעם־שטיבל האָבן מיר צוזאַמען מיט די פּראָטאָקאָלן, רעוואָלווערן, אויך באַהאַלטן די רויטע פאָן.

עטלעכע וואָכן פאַר דעם ערשטן מאַי 1905 האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן די רויטע פאָן. ביז דעמאָלט האָבן מיר נישט געהאַט קיין רויטע פאָן. אין קאָמיטעט זיינען אַלע מאָל פאַרגעקומען צווישן מיר און מיין עלטערן ברודער ישעיה קאָנפליקטן. מיר זיינען גלייכצייטיק געווען אַקטיוו, אָבער ער האָט געוואָלט זיין מער טעאָרעטיקער און איך מער פּראַקטיקער. ער האָט געהאַלטן, אַז מאַכן אַ רויטע פאָן מיינט נאָכמאַכן די גרויסע שטעט, ס׳איז נישט קיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט און ס׳קענען זיין קרבנות, אַרעסטן. די מערהייט איז דאָך געווען מיט מיר. מ׳האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ רויטע פאָן און דער גורל איז געפאַלן אויף מיר, אַז איך זאָל זיין דער אויספירער.

איך בין אַוועק אויף דער בירזשע און האָב דאָרט אויסגעקליבן עטלעכע פאַסיקע מיטהעלפער. איך האָב געקויפט פיינע רויטע סחורה און פיינעם זילבערנעם פאָדעם. די פאָן האָט מען געמאַכט ביינאַכט אויף דער ניי־מאַשין אין פאַבריק פון אהרן מרדכי הירשביין. אַריינגעגאַנגען זיינען די, וועלכע האָבן געהאָלפן אַרבעטן. אין דרויסן זיינען געבליבן וועכטער, וואָס האָבן געהיט צי עס קומט נישט קיין פּאָליציי. קיינער האָט נישט געטאָרט אַריין אָדער אַרויסגיין נאָר איך אַליין. איך האָב געזען, אַז מ׳זאָל אַלץ מאַכן אין אָרדענונג. עס האָט געדויערט עטלעכע נעכט און די פאָן איז געוואָרן פאַרטיק. זי איז געווען זייער שיין געמאַכט מיט דריי שפּיצן. מיט דעם ווייס־זילבערנעם פאָדעם האָט מען אויסגענייט אַן אויפשריפט אויף יידיש און פּויליש: עס לעבע די רעוואָלוציע! נידער מיטן צאַריזם! עס לעבע דער בונד! עס לעבע דער ערשטער מאַי!

איטשע מאיר טורקעלטויב האָט געוואוסט ווי אַזוי צו מאַכן דעם שטעקן צו דער פאָן. ער איז באַשטאַנען פון קליינע שטעקעלעך. מ׳האָט געקאָנט איינס אין צווייטן גרינג אַריינשטעלן און מ׳האָט געקאָנט די פאָן גרינג האַלטן ביי זיך אין פאַלטן און אויך די שטע־

קעלעך. ווען מ׳האָט געוואָלט די פאָן אַרויפציען, האָט מען געקאָנט אײנס און צוויי דעם שטעקן צוזאַמענשטעלן.

האָבן מיר דעמאָנסטרירט מיט דער פאָן אין 1905 אויף דעם אופן: די אַרבעטער האָבן נישט געאַרבעט דעם ערשטן מאַי. די פאָליציי האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אומלעגאַל, אָבער אין 1905 האָט די פאָליציי זיך געמאַכט נישט זען. מיט איין מאָל איז אַרויסגעגאַנגען אַ גרופּע און שנעל פונאַנדערגעוויקלט די פאָן. דאָס איז געווען דער סיגנאַל, אַז די אַלע, וועלכע שפּאַצירן, זאָלן זיך דערנענטערן. די דעמאָנסטראַציע האָט געדויערט פון צען ביז פופצן מינוט, ביז פאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. די פאָן האָב איך גלייך גענומען צו זיך...

שפּעטער האָב איך אַנגעטאָן די פאָן אויף זיך אונטערן מאַנטל און זי מיטגענומען צו דער אַרבעט אין געשעפט אַריין. כ׳האָב זי אײַנגעוויקלט אין אַ ווינקל צווישן די סחורות. ווען איך בין אַרויף צו זיך אין שטוב אַריין נאָך דער אַרבעט, האָב איך די פאָן מיטגענומען צו זיך און דאָרטן באַהאַלטן אונטערן דאַך צווישן די רעוואָלווערן און פּראָקלאַמאַציעס פון 1905.

נאָכבאַמערקונג: דעם 30סטן יוני, 1975, איז צופעליק אַריינגעקומען צו מיר אין ביוראָ אַ נאָענטער קרוב פון די זאַנדעלס. מיר האָבן זיך דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט מיר דערציילט, אַז נישט נאָר שטייט נאָך זאַנדעלס סקלאַד, נאָר די רעגירונג האָט באַצייכנט די געביידע ווי אַ פּוילישן היסטאָרישן מאָנומענט. און, אויב קיינער האָט נישט פאַרריכט דעם לאָך אין דאַך פון דעם בוידעם־שטיבל....

חיים שאַטאַן

Itsheh Meier Turkeltaub made a telescoping flagpole for the flag, so that both flag and pole could be easily carried in one's coat. To display the flag, all the parts could be assembled in a couple of seconds.

Here's how we demonstrated with our flag in 1905: No one worked on the 1st of May. Usually, the police insisted that this was illegal, but in 1905 they pretended not to see anything.

Suddenly, a group of workers stepped forward, and quickly unfurled the flag. This was the signal for everyone else walking nearby to join the demonstration. We marched for 10 or 15 minutes, until the police broke it up, and everyone stole away.

I immediately took charge of the flag, wrapped it around me under my coat, and took it to work with me. I hid the flag in a corner among the fabrics. When I went up to my room after work, I took the flag with me, and hid it in the roof among the guns and minute-books of 1905.

That's how a red flag came to be hidden in the midst of the fabrics being sold by the richest man in Kutno. And if his house is still standing, then the flag is still hidden there among the minute books and revolvers....

NOTE: On June 30, 1975, a close relative of the hardware store owner consulted me. We had never set eyes on each other. He informed me that the building was still standing, and had been declared a Polish historical landmark. And, if no one has plastered over the hole in the attic roof....

CHAIM SHATAN.

Were I to come to Kutno today, I would still be able to point out the place where the revolvers and the Minutes and the account books of 1905 lie hidden. There I also stashed away many other illegal items of all kinds: only I know of them. All these things will remain hidden there as long as Zandel's house still stands in the "New Market Place." ... I just remembered that, in that very same attic room, we hid the Red Flag, together with the minute books and the revolvers.

We decided to make the Red Flag several weeks before the 1st of May, 1905. Until then, we didn't have a Red Flag. My older brother, Yeshayah, and I were always in conflict on the Central Committee. We were both political at the same time, but he wanted to be more of a theoretician, and I more of an activist. He felt that making a Red Flag was merely imitative of the big cities, that it was not a revolutionary act, and that there could be casualties, arrests. In spite of his view, the majority was with me. We decided to make a red flag, and I was chosen to carry this out.

I went to the "promenade" and there chose several suitable helpers. I bought fine red fabric, and good silver thread. We sewed the flag at night on the machines in Aaron Mordecai Hirshbain's factory. Only those involved in the work were allowed inside. Sentries, stationed outside, were on the look-out for the police. I was the only person allowed free entrance or exit. I saw to it that everything was carried out properly. After several nights, the flag was finished — a beautiful banner with three points and Yiddish and Polish slogans in silvery-white thread: "Long Live the Revolution! Down with the Czar! Long Live the Bund! Long Live the 1st of May!"

THE FIRST BUNDIST FLAG IN KUTNO

(An excerpt from the memoirs of Moishe Yechiel Shatan, edited and translated by his son, Dr. Chaim Shatan, from tape-recordings of M. Y. Shatan's reminiscences of his Bundist years in Poland, 1898 — 1926.

Yanovsky was a frequent visitor in Zandel's hardware store when I worked there. His wife was one of us, a distant relative of the Zandels. He, Yanovsky, would spend day after day in the store, trying to get close to us. His father was a gendarme, and we knew that Yanovsky himself was a spy. Although he never worked, he had the means to satisfy all his needs. We all knew that we had to watch our step when he was around.

All kinds of people dropped into the business to ask me all kinds of questions, as if they knew that I was a Bundist, a revolutionary. Yanovsky was afraid to ask anything, because he was too well-known, and someone might have told him to drop dead.

In Kutno, there was also an old gendarme who kept an eye on me. 1906 was the year of Poland's "Red Wednesday." That day, the Polish socialists killed many policemen and gendarmes, including the old gendarme. They also assasinated another spy of whom we were unaware, but who was known to the P.P.S. At that time, the Bund had a "B.K." (a commando unit)*. The leader of the B.K. was Itcheh Meier Turkeltaub, a class-conscious furniture carver. We had bought several revolvers, and every Saturday we practiced shooting in the woods outside the town.

---

*Polish: Bojowa Komanda (B. K.)
Pronounced in English: Boyova Komanda

THE PIGEONS ON YOUR BALCONY

Crayon by Gabrielle Rebecca Shatan, 1975

די טייבעלעך אויף דיין באַלקאָן

געצייכנט פון גבריאלה רבקה שאַטאַן, 1975

crying like infants. They made dirt again on the carpet and on the balcony: we had to take away the carpet and wash the balcony again. After that, they came every day for a short while, looked around, very sadly, and stood on the framework of the balcony, groaning and crying.

Now they are coming less — every second day for about fifteen minutes, and then flying away. Perhaps they fly to a new nest which they have made, but it seems that they are still lonesome for the old nest. I think they came in the beginning of April or the end of March or before that, when the snow melted.

This is the story about the pigeons on my balcony.

Kisses from Buba, with love.

THE PIGEONS ON MY BALCONY

Mirl Erdberg Shatan

Montreal, June 6, 1975.

My dear grandchildren:

As I am still very busy, I'll write one letter to all of you. It is almost five weeks since I came from Miami and New York. After such a long absence, everything in the small apartment looked very strange. First, I went to the sliding door which is the window and looked out. I was amazed at what I saw. When I left for the winter, I did not take in the pail, the mop, and the broom. The pail was not turned with the bottom up. It was open, so some pigeons came and made a nest in the pail. They brought straw and branches, and the pail was almost full. Two pigeons were sitting there as in a soft bed and the balcony was full of dirt.

I called a young boy, a Sabra, who works as an orderly in the Maimonides Hospital across the way. We spoke Hebrew and he was very glad after our conversation, that we could speak about many things. He told me that he never met a woman my age with whom it should be so pleasant to speak about so many interesting things.

We went out on the balcony and took the pail with all the straw and branches. The bottom fell out, so strong and fast had they made the nest. When he went to the garbage chute and started to take out everything, he found an egg. On the balcony, there was also a piece of carpet, so they were sitting afterwards on the carpet with sad eyes. Every morning, at five o'clock, they were groaning and

I FEEL SAD

I feel sad
Because of
A chicken.
One chicken
Can change
Your emotions
In five
Minutes, anything
Can, a
Speck of
Dust. No matter
How big
Anything
Can change
You from
Happy to sad.

JEREMY SHATAN, age 10,
Chinatown, New York, 1975.

MY LITTLE SQUIRREL

To my grandson, Jeremiah
(Yirmiyahu Daniel Itzchak Shatan,
initials "Yiddish")

Jeremy is a little squirrel —
He runs fast, faster than a squirrel —
Nobody knows when he eats
Nobody knows when he drinks —
Nobody knows when he goes to bed
Nobody knows when he gets up —
He slips out of the house
Like a little mouse
He does things and we don't know when —
The floor is full of papers,
The bottles of milk stay open.
The cereal boxes are on the table.
Jeremy has no time —
He runs fast, faster than a squirrel.

Stockbridge, Mass.
August 28, 1974

JESSICA IS A DREAMER

To my granddaughter Jessica

Jessica is a dreamer
And writes short stories for her mother,
As well as for her younger brother.
For her older sister Gabriella
She paints a colourful umbrella.
Sometimes she bothers and teases her older brother,
And to her Daddy she recites
All her adventures on the way home from school.
Jessica is a dreamer:
She dreams of writing, painting and playing
the piano;
She admires her teacher for whom she plays solos.
And —' last, but not least —
For grandmother and Buba
She painted rainbow-hued book holders,
Which they keep and cherish
In their books and their folders.

Miami Beach, Florida
February 10, 1975

terror her heart shrivelled up. She could have gotten up and run up the stairs to her mother, but she couldn't stir from her place. And she sat rivetted to the chair and looked out through the window to the darkness. Her young little heart still had not grasped what had happened here, — that she would never again hear Mr. Davis singing "Daisy, Daisy, I love you."

Translated from the Yiddish by
GABI TRUNK

self and her sick husband. She always remembered what her mother told her: to help the helpless.

When Dvoyrele was seven years old she went to school, and every time she come home from school, she had a quick bite to eat and went into Mr. Davis so that Mrs. Davis could go to get lunch. And so, day by day she sat on the rocking chair near Mr. Davis' bedside. At her slightest move, he clutched her little hand "Daisy, Daisy, I love you," sing along Dvoyrele, he said with his weak voice. Dvoyre sang along under compulsion and with childish regret looked at the immobile, heavy body of the old man.

Once, on a winter's day, there was a thick fog outside (a "London fog" as it's called in English). Everything was covered with a dense, heavy grey mist. Lamps, lanterns burned and offered a very small, pale shine and were swallowed up by the heavy fog. Mothers led their children home from school carrying lanterns. Smaller children were afraid of the "gypsies" and avoided going near the windows, because some mothers terrified their disobedient children by telling them that, on such a dark day, the "gypsies" come to take the children away.

On such a day, Dvoyrele sat at Mr. Davis' bedside as usual and with impatience and fear waited for Mrs. Davis to come home as quickly as possible from the cheap soup kitchen where people had to wait a long time for their lunch. Her fear was now doubled, both from the oppressive darkness outside which loomed awesomely, and because, for some reason, Mr. Davis wasn't singing as he always used to do. He lay with his face to the wall and snored so fearfully that from this sorrow and

had the urge to acquire something. But she was immediately reminded of her mother's words.... And besides, there were three other children at home: Avraham, the eldest, Mirele the younger, and Khavele the youngest. Dvoyrele tightly squeezed the penny which her mother gave her between her small fingers and every so often she would stop at a table, though she took nothing into her hands. She knew that, in any case, with her great fortune she couldn't purchase anything; she just stood with dreamy eyes and thought — if she could at least buy a bottle of kvas, she would share it with her sisters and brother.

When she came home from Whitechapel, she didn't go up to the second storey where her family lived, but went straight into the bottom flat where Mr. Davis lay in bed, paralyzed, in a single room. He had already been paralyzed for some time — every day when Mrs. Davis went to the poor people's kitchen to get lunch for herself and her sick husband, little Dvoyrele sat at the old man's bedside. With sad little eyes she saw how he lay so rigid and immovable.

Mr. Davis expressed much gratitude and love to her for her goodness. Despite his illness, he always sang little songs for Dvoyrele, one of his favorite songs being: "Daisy, Daisy, I love you." Dvoyrele learned the songs and sang along at the sick man's request. In reality, she didn't feel at all like singing. She would rather have gone out to play with the other children in the street, but every time she made a movement to get up, the old man squeezed her tender little hand with his trembling fingers: "Daisy, Daisy, I love you," and she lost the courage to stand up, until Mrs. Davis returned from the poor man's kitchen with lunch for her-

LITTLE DVOYRELE AND MR. DAVIS

(Reminiscences of My Childhood Years in London, England)

Dedicated to my sister Dvoyrele who departed this life in her full blossom at age twelve.

Dvoyre's parents lived on Providence Street, a small alley in the poor quarter of London. The houses were small, and the flats had narrow rooms. An upper and lower storey with two rooms or one, and a small kitchen. The houses were very outdated, without the barest human necessities — two families had to use the small court outside....

Not far from Providence Street was Whitechapel, the well-known commercial center for the poor Jewish populace. Anything could be had there, from a spool of thread, to a coat costing ten pounds. And piles of shoes were strewn about: socks, laces, buttons, watches, earrings, bracelets, fish, meat, baked goods, sweets and more and more different things.

All day long trade went on, from early till late. Things were bought, sold, old exanged for new, new for old. All kinds of Jewish dialects could be heard there: Russian, Polish, Lithuanian, some with gentle expressions, some with vulgar ones. The people of Whitechapel had grown accustomed to all these expressions.

Dvoyrele's mother always took her along to Whitechapel when she went shopping. The six-year old Dvoyrele looked at the great variety of things with her childish curious gaze, though her mother always reminded her not to desire — desire is a sin. One should be content. Nevertheless, Dvoyrele

Mirl Erdberg Shatan also translated the memoirs of "Glickel Von Hameln," the classic description of a Jewish family's life in seventeenth century Germany. The translation was serialized daily, over a six-month period in the Monteal "Jewish Daily Eagle" and was snapped up by the Yiddish-reading public.

This tribute would be incomplete if it stopped at the compilation of Mireleh's creative endeavours as seen in "The Rainbow," the current collection. To this day, the Yiddish lullabies and childrens' songs which she sang to her son are being transmitted by him to her grandchildren, and — who knows — perhaps even to their children, a never-ending red thread of Yiddish melody.

Chaim F. Shatan

his Bundist and labor union activities, Moishe Yechiel managed to find time for belles lettres. He published two books in Lodz, "In Shturm" (In the Storm"), and "Oif'n Vokzal" ("At the Railroad Station").

The Shatans and their baby son boarded the "SS Estonia" in 1926 and moved to Canada.

Mirl Erdberg Shatan's poetry, short stories and essays have appeared in the Montreal "Jewish Daily Eagle," as well as in many other Jewish community journals and newspapers. She was invited to read before various literary groups in both Canada and the United States. Some of her poems were also presented dramatically by Morris Bilavsky, the stage manager of Morris Schwartz's famed Jewish Art Theatre.

Her first collection of poetry was entitled "Nit Fuhn Kein Freid" ("Not Out of Joy"; Montreal, 1950). Most of the poems were dedicated to the six million Jewish victims of the Nazi holocaust. Members of her own family were numbered among those who had been tortured or carried off to the gas chambers.

The book received wide critical acclaim in the Yiddish-speaking communities of Canada, the United States, Paris, Israel, and in many other far-flung outposts of world Jewry. The well-known Argentine author, Okrotny, affirmed that Mirl Erdberg Shatan's collected poems were very moving, and that they expressed sorrow in a lyrical tone. Chaim Laib Fuchs, the noted poet, wrote that each poem is a hidden tear in one's eye ("Unser Shtimme," Paris). Nisnevitch, the late poet from Toronto, as well as the late Doctor B. Ornstein, wrote extensive evaluations of the volume.

MIRL ERDBERG SHATAN

My mother, Mirl Erdberg, was born in a Polish shtetl, Kutno, in the Warsaw Gobernia. When she was four years old, her parents emigrated to London, England, with their four children. They lived on Providence Street, Whitechapel. There, Mirl's interest in song and poetry was kindled early by an old invalid gentleman in he neighborhood who always sang "Daisy, Daisy, I Love You." Her father, Reb Chaim Pinchus Erdberg, was a Hebrew teacher —[redacted]— who gave private lessons in the homes of rich Jews. Mireleh learned Hebrew and English at the Rothschild Free School in London.

After living in London for five years, the family returned to Kutno when Mireleh was nine. Her father feared that his children would became assimilated like most of the London Jews that he knew. He hoped that his oldest son, Abraham, would attend Yeshivah in Poland and become a rabbi. This was one of his fondest dreams, even though he was a "maskil," a Jew of the Enlightenment, a progressive who did not hew to fanatical orthodoxy or to hassidism himself.

In Poland, Mirl attended both "cheder" and secular schools. At the age of seventeen, she enrolled in the Lodz Hebrew Teachers' Seminary, and became a kindergarten teacher. While at the seminary, she began to write poetry in Yiddish, her mother tongue. Her poems were pulished in Jewish journals and newspapers in Lodz and Warsaw.

In 1919, after the Great War, she married Moishe Yechiel Shatan of Kutno. They lived in Lodz for a few years and then in Wloclawek where their son, Chaim Fishl, was born in 1924. In addition to

ENGLISH TABLE OF CONTENTS

page
Mirl Erdberg Shatan, by Chaim Shatan .... (E-7) 154
Little Dvoyrele and Mr. Davis (To my Sister Dvoyrele).
Translated by Gabriel Trunk .... (E-10) 151
Jessica is a Dreamer — to Jessica .... (E-14) 147
My Little Squirrel — to Jeremy .... (E-15) 146
I Feel Sad, by Jeremy Shatan .... (E-16) 145
The Pigeons on my Balcony — a Letter to my
Grandchildren .... (E-17) 144
The Pigeons on your Balcony. Drawing by Gabrielle
Shatan, 1975 .... (E-19) 142
The First Bundist Flag in Kutno, by M. Y. Shatan (E-20) 141

The Following Illustrations or English Translations Appear Facing the Yiddish Originals:

Fairmount Shul, Montreal. Etching by Stanley Lewis, 1945 86
Montreal Backyards. Drawing by Norma Altstedter Shatan, 1967 41
My Granddaughter's Braids 27
Joy 25
Music for "Zehuva" 22
Zehuva 21
Music for "Ven" 19
Esplanade Avenue, Montreal. Drawing by Norma Altstedter
Shatan, 1967 14
St. Joseph Boulevard 13
As Long As Is My Destiny 11
Yiddish Text .... 11—138

To my son Chaim Shatan,
his wife Norma Shatan,
and my grandchildren:
Gregory Samuel, Gabrielle Rebecca,
Jessica Anne, and Jeremy Daniel Irving
—with love.

RAINBOW

by

MIRL ERDBERG SHATAN

5789 Caldwell Ave., Apt. 901
Cote St. Luc
Montreal 4HW 1W2
Canada

English Title Design: Gregory S. Shatan

RAINBOW

POEMS, ESSAYS & MEMOIRS

by

Mirl Erdberg Shatan

NEW YORK · 1975